YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv02i44

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 2 Issue 44
October 1920

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 2, Iss. 44)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/124

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. II. No. 44. New York, Friday, Oct. 29, 1920. פרייטאג, דעם 29טען אקטאבער PRICE 3 CENTS

סלאוקמאכער יוניאן איז אויף דער וואך

דער שעהנער שאפ־טשערמען מיטינג אין בראדוויי סענטראל האטעל. — די מעמבער־מיטינגען אין דער פיפעלס הויז איז די וואך און די קומענדע.

אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק איז דערווילע שטיל און אלעס שיינט צו זיין ווי בעפאר, איידער די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן האט אפגעשלט די משינעריע, וואס דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און דער אסס'ן האט עטאבלירט אויף אויסצוגלייכען די סכסוכים וואס ענטשטעהען אין די שעפער. די יוניאן איז אבער גאנץ אויף דער וואך צו אלע מעגליכע פאסירונגען, וואס קענען ארויסקומען פון אזא ניט־נארמאלער לאגע. די אסס'ן האט נאך דערווילע אלץ ניט געענטפערט דער יוניאן, אויף דעם בריעף וואס די יוניאן האט איהר געשיקט, אלס ענטפער אויף דעם באוואוסטען „אולטימאטום", וואס פון דעם איז געדרונגען, דאס די „פראטעקטיוו אסס'ן" טראגט זיך געוויס ארום מיט עפעס אין ארבעל און מען דארף זיין פארזיכטיג.

צווישען די קלאוקמאכער, די מיטגלידער פון דער גרויסער יוניאן, איז גאנץ לעבעדיג. זיי האבען פאר א ווײלע „פארגעסען" די גאנצע געשיכטע און זיינען נאר שטארק פארנומען מיט'ן סאציאליסטישען קאמפיין; ספעציעל זיינען זיי פארנומען מיט'ן ערוועהלען לאנדאן און הילקוויט צום קאנגרעס, און פאר דעם צוועק איז אין די לעצטע פאר וואכען צייט געזאמעלט געווארען אין די קלאוק־שעפער איבער צעהן טויזענד דאלאר, און מיר רעכענען דא בלויז די געלדער וואס זיינען אריינגעקומען דירעקט דורך די אפיסעס פון דער יוניאן, צום טרעזשורער פון דעם פאנד פון דער „קלאוקמאכער קאמפיין קאמיטע", ברודער פיליפ קאפלאוויטש, און וואס ווערען קוויטירט אין די „גערעכטיגקייט". מאנכע שעפער האבען אבער געטראגען דאס געלד פון די שאפ־קאלעקשאנס אין די קלאוק שעפער, צום „פארווערטס", און מיט יענע געלדער, וועט די סומע זיין א סך גרעסער. דאס ווייזט, אז די קלאוקמאכער זיינען זיך גאנץ רוהיג, זיי נעהמען זיך אן מיט זייערע טעטיגקייטען פון אויסערען שאפ און שרעקען זיך ניט פאר די פאסירונגען וואס קאן פון דער איצטיגער לאגע אין דער אינדוסטריע ארויסקומען.

אבער זיינען אונזערע קלאוקמאכער גאנץ גוטע „פייטער", זיי האבען שוין ניט איין אינדוסטריעלע מלחמה מיטגעמאכט, און זיינען שוין געוועהנט צו דעם. זיי ווארטען דעריבער גאנץ געדולדיג אויף

(שלוס אויף זייט 16.)

די מערקווירדיגע ארבייט פון דער קלאוקמאכער קאמפיין קאמיטע

לאנדאן און הילקוויט וועלען זיכער ערוועהלט ווערען אויב די ארבייט וועט אזוי געטאן ווערען ביז דער לעצטער מינוט. — די גרויסע „ראַליי" דעם שבת אווענט אין 12טען דיסטריקט.

די ארבייט פון דער קלאוקמאכער קאמפיין קאמיטע אין דעם היי־יאהריגען קאמפיין איז איינפאך צו באוואונדערען. עס האט אויסגעשטורעמט דעם גאנצען ארבייטער קווארטאל און באזונדערס די צוויי קאנגרעשיאנאל דיסטריקטען, דעם 12טען און דעם 20טען, אין וועלכע די נאמינעסען לאנדאן און הילקוויט לויפען פאר'ן קאנגרעס. און אויב די דאזיגע ארבייט וועט געטאן ווערען מיט'ן זעלבען פלייס ביז דער לעצטער מינוט, איז ניטא דער מינדעסטער צווייפעל, דאס מאיר לאנדאן און מאריס הילקוויט וועלען זיצען דעם נעקסטען טערמין אין קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

אלזא, די גוטע ארבייט, וואס איז געטאן געווארען ביז איצטער, מוז פארענדיגט ווערען מיט'ן זעלבען פלייס די לעצטע פאר טעג, וואס איז נאך פארבליבען ביז דעם עלעקשאן, און אויך אין עלעקשאן־טאג. ווארים, אויב מען זאל אין עלעקשאן־טאג ניט גוט אויפפאסען, קען פון אלעס גאר ניט ווערען — מען צו'גנב'עט די שטימען און פטור! דאס טאר אבער בשום אופן ניט פאסירען. מען טאר אזוי זאך מעהר ניט דערלאזען.

די קלאוקמאכער קאמפיין קאמיטע באשטעהט פון ד' אלע באאמטע פון דעם דזשאינט באארד און פון די לאקאל יוניאנס וואס זיינען אן איהם אנגעשלאסען, און אין דיזער ארבייט האבען זיי דעם פולען סופארט פון דער „ראנק ענד פייל", פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט. דאס קען מען דייטליך זעהן פון די קאלעקשאנס אין די קלאוק־שעפער, וואס ווערען קוויטירט אין דער „גערעכטיגקייט". טראץ דעם גאנץ שלעכטען סיזאן וואס די קלאוקמאכער האבען געהאט, איז אין די קלאוק־שעפער פון גרויס ניו יארק געזאמעלט

(שלוס אויף זייט 7.)

אינהאלטס־פערצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 44

זייט 2. די וואך. — מאקס ה. דעניש. דער מיטינג פון דזשוינט באארד. — ל. לאנגער.
זייט 3. די מיטגלידערשאפט פון אונזערע לאקאלס אין קאנעדע און אין דער וועסטער וועסט. — אלעקסאנדער טראכטענבערג.
זייט 4. פארשיעדענעס אין דער קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1. — פ. קאמלער. אין דער עקזאמינערס און בושלערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז. שלוסען פון דער 1טער זייט.
זייט 5. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע. — א סטאף רעפארטער. אין דער פינישערס יוניאן לאקאל 9. — איזידאר סארקין.
זייט 6. רייזע בעשרייבונגען און איינדריקע. ס. לעפקאוויטש.
זייט 7. קאלעקשאנס אין די קלא'ק שעפער. — פיליפ קאפלאוויטש.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. ערב עלעקשאן דא און ערב רעוואלוציאן אין ווארשוי. — ב. מיימאן. א ליעד. — נחום י.
זייט 10. די יוניאנס אין דער בוי־אינדוסטריע. — נ. בוכוואלד. אויף קבר אבות (ערצעהלונג). — מ. שמואלזאהן.
זייט 11. דער יעהרליכער קאנווענשאן פון „טריידס און לייבאר קאנגרעס פון קענעדע". — י. שובערט.
זייט 12. שמועסען.
זייט 13, 14 און 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. [illegible]

דזשאדזש איידאן דזש. ליווי מוז קומען אין קאורט ענטפערען אויף קלאגען

דער קאורט אוו אפיעלס פון ניו יארק סטייט פסק'ענט צו גונסטען פון אונזער אינטערנעשאנאל. — דזשאדזש ליווי וועט מוזען קומען אין קאורט זיך פארענטפערען אויף די אנקלאגען פון אונזער אינטערנעשאנאל.

ווי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" ווייסען שוין, האט מיט א שטיקעל צייט צוריק אונזער אינטערנעשאנאל אנגעקלאגט אין געריכט דזשאדזש איידאן דזש. ליווי. אונזער יוניאן האט געבראכט געגען איהם אייניגע קלאגען און אויף דעם גרונד פון די קלאגען ווערט פון אונזער יוניאן געפאדערט, ער זאל ארונטערגעזעצט ווערען פון זיין אמט פאר פארנאכלעסיגען זיינע פליכטען אלס ריכטער.

אונזער אינטערנעשאנאל האט געבראכט געגען איהם זיבען קלאגען, אין וועלכע עס ווערט אנגעוויזען אז דער דזשאדזש האט זיך אויפגעפיהרט אזוי, ווי עס פאסט ניט פאר א ריכטער, און דאס ער האט אויך פארבראכען געגען די געזעצען פון רעדזשיסטרירונג און ווארטען אין צייט פון עלעקשאן.

ערשטענס, לויטעט די אנקלאגע, דאס אין דער צייט וואס ער האלט א שטאטישען אמט אלס דזשאדזש פון מיוניסיפאל קאורט, איז ער אויך אן אקטיווער שניידער־באס, ער איז דער גאנצער פיהרער פון דער ליידיעס טיילארס פירמע מילגרים בראס.; אז ער איז אין יענעם געשעפט אזוי אריינגעטאן, דאס עס איז

(שלוס אויף זייט 4.)

וויס פרעזידענט זיגמאנ'ס באזוך אין קענעדע

אונזער ערשטער וויס־פרעזידענט, מאריס זיגמאן, האט לעצטע וואך באזוכט קענעדע. ער איז געפאהרען אין די אינטערעסען פון די דזשאינט באארדס אין מאנטרעאל און טאראנטא.

ברודער זיגמאן איז שוין דא צוריק, און זיין רעפארט וועגען דעם צושטאנד פון די יוניאנס אין טאראנטא און אין מאנטרעאל איז א גאנץ גינסטיגער. אויך דארטען איז דער לעצטער סיזאן געווען א שלעכטער, עס איז קיין ארבייט ניט געווען, די ארבייטער האבען אבער פארשטאנען, אז די יוניאן האט אין דעם קיין שולד ניט געהאט. נאך מעהר, זיי האבען אויך פארשטאנען, דאס ווען ניט די יוניאן, וואלט די לאגע געווען נאך א סך ערגער. די ארבייטער זיינען דעריבער געבליבען געטריי זייער יוניאן טראץ דעם שלעכטען סיזאן, און די ארגאניזאציאן האט דערפון ניט געליטען. די יוניאן איז איצט פונקט אזוי שטארק ווי בעפאר דעם שלעכטען סיזאן סיי אין טאראנטא און סיי אין מאנטרעאל.

וואס אנבאלאנגט טאראנטא, האט דער דזשאינט באארד א קאלעקטיוו אגרימענט מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. דער אגרימענט דארף זיין אין קראפט ביז דעם 30טען נאוועמבער, 1920. ער האט אבער אין זיך א פונקט, דאס ווי־

(שלוס אויף זייט 6.)

דער סכסוך מיט דער דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן

מיר האבען שוין לעצטע וואך אין דער „גערעכטיגקייט" באקאנט געמאכט וועגען דעם סכסוך פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן וואס פאלגט ניט אויס דעם אגרימענט וואס זי האט געמאכט מיט לאקאל 50, אונזער טשילדרענס דרעסמייקערס יוניאן.

לויט דעם אגרימענט האט דעם 15טען סעפטעמבער אין דער אינדוסטריע געזאלט איינגעפיהרט ווערען באשטימטע מינימום סקיילס און ווידזשעס. אבער די אסס'ן האט עס ניט געטאן. זי האט נאר אויפגעהויבען נייע פראגען, אום רייד־זען פונקט אין אגרימענט ניט אויסצופאלגען. עס איז וועגען דעם אין דער לעצטער צייט פארגעקומען א בריעף־וועקסעל צווישען דער אסס'ן און אונזער אינטערנעשאנאל, אבער דאס האט דערווייל נאך ניט געבראכט קיינע רעזולטאטען.

עס פארשטעהט זיך, דאס די יוניאן זוכט דא ניט קיין טראבעל און האט געוואלט דורכקומען מיט דער טשילדרענס דרעס אסס'ן ווי אם בעסטען. סעקרעטער באראף האט דעריבער לעצטע וואך געלאזען וויסען דער אסס'ן, דאס כמעט מען האט עס ניט באדארפט טאן, נאר מדרך השלום וועגען איז די יוניאן גרייט, דעם גאנצען סכסוך איבערצוגעבען צו ארביטריישאן. אבער די אסס'ן, ווי עס שיינט, זוכט יא טראבעל און האט געענטפערט, אז קיין ארביטריישאן וויל זי ניט. זי האט היינט עס, מורא צו קומען אין דער עפענטליכקייט מיט איהרע טענות.

דעם 26טען אקטאבער האט סעקרעטער באראף געשיקט צו דער טשילדרענס דרעס אסס'ן נאך א בריעף, וועלכער לויט זיך ווי פאלגט:

„דזשענטעלמען:

מיר האבען באקומען אייער בריעף פון 22טען אקטאבער, אין וועלכען איהר זאגט זיך אפ פון אונזער פארשלאג איבערצוגעבען צו ארביטריישאן דעם סכסוך אין דער טשילדרענס אינדוסטריע, צווי־

(שלוס אויף זייט 4.)

פרעזידענט שלעזינגער וועט זיין אין ניו יארק די קומענדע וואך

בעת מיר געהען צום פרעס מיט דעם נומער „גערעכטיגקייט", האבען מיר באַקומען א קייבלגראם פון פרעזידענט שלעזינגער, פון פאריז. דער קייבלגראם לעזט זיך ווי פאלגט:

„איך פאהר אפ מארגען (פרייטאג, דעם 29טען אקטאבער) נאך ניו יארק מיט דער שיף „אלימפיק".

ב. שלעזינגער".

דאס מיינט, אלזא, אז מיר מעגען איהם ערווארטען ארום דאנערשטאג אדער פרייטאג. נאך עטליכע טעג און אונזער פרעזידענט וועט ווידער זיין מיט אונז.

קומט צו דער ערעפענונג פון אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט

די ערעפענונג פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט וועט געפייערט ווערען שבת אווענט, דעם 13טען נאוועמבער, אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול, 16טע סטריט און אירווינג פלייס. עס וועט געגעבען ווערען א פראכטפאלער קאנצערט און בארימטע מענער פון דער וויסענשאפטליכער וועלט וועלען רעדען איבער דער וויכטיגקייט פון ארבייטער־בילדונג.

באזארגט זיך באצייטענס מיט טיקעטס. זיי זיינען שוין צו באקומען אין אפיס פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער און אין די אפיסעס פון אלע לאקאל יוניאנס מעהר איינצעלהייטען נעקסטע וואך.

דער אינטערנעשאנאל עדיו־קיישאנאל דעפארטמענט

א פאסט־גראדיואייט קורס פאר די ביזנעס־איידזשענטס פון אונזער יוניאן.

מיט א וואך צוריק האבען די ביז־נעס־איידזשענטס פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אפגעהאל־טען א מיטינג אין באצוג אונזער עדיו־קיישאנאל טעטיגקייט.

דער צוועק פון דעם מיטינג איז גע־ווען א דאפעלטער, אז זיך דורכצורעדען ווי אזוי אליין אנטייל צו נעהמען אין די קלאסען, און צו זעהן, וואס זיי, אלס באאמטע פון דער יוניאן קאנען טאן צו באהילפיג זיין אין דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל טעטיגקייט; ווי אזוי זיי קאנען העלפען, אז וואס מעהרערע מיט־גליעדער פון אונזערע לאקאלס זאלען זיך פאראינטערעסירען מיט דער ארבייט פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט און אריינ־געהן אין די קלאסען. אויף דעם מיטינג איז אנוועזענד געווען אונזער עדיוקיי־שאנאל דירעקטאר, דר. אלעקסאנדער פישהענדלער און מיס פאניא מ. קאהן, די סעקרעטערין פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע.

א באשלוס איז געפאסט געווארען, דאס די ביזנעס איידזשענטס און די אנ־דערע באאמטע פון דער יוניאן פאר־פליכטען זיך ביי אלע שאפ־מיטינגען צו אגיטירען פאר „לייבאר עדיוקיישאן"! צו ווירקען אויף ארבייטער פון די שאפער זיי זאלען זיך אין א גרעסערער צאהל ווי ביז איצט, באטייליגען אין די אינטער־נעשאנאל קלאסען און קורסען. עס איז באשלאסען געווארען, דאס די עדיוקיי־שאנאל טעטיגקייט פון אונזער יוניאן זאל ווערען א פונקט אויפ'ן טאגעס ארדנונג פון יעדען מיטינג אין אונזער יוניאן, צו דער מיטינג איז א גרויסער, אדער א קליינער. דאס וועט געוויס מאכען מעהר פאפולער די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט צווישען אונזער גרויסער צאהל מיט־גליעדער פון אלע לאקאל יוניאנס.

וואס אנבאלאנגט די ביזנעס איידזשענטס גופא, איז אויסגעקליבען געווא־רען א קאמיטע פון דריי אויסצוארביי־טען א פלאן, וועלכע קורסען צו נעהמען און אין וועלכע טעג. אויך זיינען אויס־געקליבען געווארען די ברידער מאזער, הײנס און שוסטער.

ווי מיר הערען, האבען שוין כמעט אלע ביזנעס איידזשענטס און די אנדערע באאמטע פון דער יוניאן זיך איינגעשרי־בען אין די קלאסען, און די קורסען וועלען געגעבען ווערען יעדען פרייטאג און שבת נאכמיטאג. מיר ווייסען פון די לעצטע צוויי יאהר ערפאהרונג, דאס די באאמטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן זיינען גע־ווען ווילינ צו לערנען און זיך מעהר ענט־וויקלען און קורסען פרייטאג נאך מיטאג זיינען געווען איינע פון די גרעסטע ער־פאלגען אין אונזער עדיוקיישאנאל אר־בייט. און דאס זעלבע, ווי עס שיינט, וועט אויך זיין דעם סיזאן, ווארים כמעט אלע ביזנעס איידזשענטס און אנגע־שטעלטע אין דער יוניאן האבען זיך שוין איינגעשריבען פאר די קורסען.

גרופען־בילדונג פון אונזערע לאקאלס.

די גרופע סטודענטען פון לאקאל 9, איבער 70 אין צאהל, האט לעצטע וואך אפגעהאלטען א מיטינג אין אפיס פון דער יוניאן, 228 צווייטע עוועניו, און האבען באשלאסען אנצופאנגען מיט צוויי לעקטשור־קורסען; איין קורס וועגען „די געשיכטע און פראבלעמען פון דער אר־בייטער באוועגונג אין אמעריקא און ענג־לאנד". א צווייטער קורס איבער די געשיכטע און פראבלעמען פון אונזער יוניאן.

א באוועגונג פאר גרופען־בילדונג איז לעצטענס אויך ענטשטאנען אין דער קא־טערס לאקאל 10. לויט ווי מיר הערען, געהט אן א באוועגונג צווישען די מיט־גליעדער פון לאקאל 10 זיך צו באטייליגען אין די קורסען און קלאסען, פונקט ווי די מיטגליעדער פון די אנדערע לאקאלס, און ווער עס קען די מיטגלידערשאפט פון לאקאל 10 ווייס, אז קוים נעהמען זיי זיך צו עפעס, טוען זיי דאס ווי עס בא־דארף צו זיין.

די לעקטשורס פון דייוויד סאפאס.

מיר מאכען באזונדערס אויפמערק־זאם אויף די לעקטשורס פון דייוויד דזש. סאפאס פון דעם וויסקאנסין יוניווערסי־טי פאקולטעט. מר. סאפאס האט זיך געמאכט א נאמען אין די ראדיקאלע און ארבייטער־קרייזען פון אמעריקא דורך זיין טיכטיגער ארבייט אלס דענקער און פאר־שער. ער וועט רעדען איבער „די פאר־שיידענע מינים טרייד יוניאנס אין אמע־ריקא". דאס וועט זיין א קריטישער אי־בערזיכט איבער די יוניאנס אין אמערי־קא און זייערע פיהרער; וועגען דער ענטוויקלונג פון די פארשידענע מינים יוניאנס. די באשטרעבונגען פון די אר־בייטער און ווייטער.

א צווייטען קורס לעקטשורס וועט ער געבען איבער דער טעמא: „דער אימיג־ראנט אין דער ארבייטער באוועגונג". דאס וועט זיין א היסטארישער איבער־זיכט אויף דער ראליע, וואס די פארשיי־דענע אימיגראנטען־גרופען האבען גע־שפיעלט אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג; דער בייטראג פון די אימיג־ראנטען צו דער ארבייטער באוועגונג. ער וועט זיך ספעציעל אפשטעלען אויף די איירישע, דייטשע, אידען, איטאליענער און סלאווען, און וועט אנצייגען אויף דעם אונטערשיעד אין דער פיהרערשאפט פון די אמעריקאנער ארבייטער פיהרער און די אימיגראנטען־ארבייטער פיהרער. די־זע לעקטשורס וועלען זיכער זיין זעהר אינטערעסאנט און באלערנט, און וואס מעהר מיטגליעדער דארפען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט זיי בייצוואוי־נען.

די ערעפענונג פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט.

די ערעפענונג פון אונזער ארבייטער־אוניווערזיטעט, אין דער וואשינגטאן אירווינג הײ סקול ווערט געפלאנט פאר שבת אבענד, דעם 13טען נאוועמבער. עס איז מעגליך, דאס דער ערעפענונגס־פייער זאל פארקומען אין דער גרויסער האל פון דעם ניו יארק סיטי קאלעדזש. מעהר בא־שטימטעס וועט קירצליך באקאנט גע־מאכט ווערען. עס ווערט געפלאנט די ערעפענונג זאל זיין גאר גרויס און שעהן, ווי עס איז נאך ניט געווען קיינמאל פריי־הער.

א חוץ וואס עס וועט געגעבען ווערען א רייכער מוזיקאלישער פראגראם, וועלען אויך געהאלטען ווערען רעדען פון באריהמטע פערזענליכקייטען. פראפעסאר טשארלס ביערד און דר. דאנא האבען שוין געענטפערט, אז זיי נעהמען אן די איינלאדונג צו רעדען יענעם אבענד פאר אונזערע מיטגליעדער, און מיר וועלען האבען נאך אנדערע באוואוסטע מענער אויף דעם עדיוקיישאנאל געביט, וואס וועלען יענעם אבענד רעדען.

די קורסען, וואס וועלען געגעבען ווע־רען אין ארבייטער אוניווערזיטעט, וועט אנאנסירט ווערען נעקסטע וואך.

אין די יוניטי סענטערס.

די קלאסען אין די יוניטי סענטערס זיינען שוין איינגעשטעלט און די לעהרער זיינען שוין אויף זייערע פאסטען, ווי פאלגט:

אין פאבליק סקול 54, בראנקס, אינ־טערוואל עוועניו און פרימאן סט., האט איזידאר גלאטצער אנגעפאנגען דעם קלאס פון הײ סקול ענגליש.

אין פאבליק סקול 63, 4טע סטריט און ערשטע עוועניו, איז שוין אפען דער קלאס מיט מר. לאזארוס אלס לעהרער.

אין פאבליק סקול 40 (וויסטמאכער יוניטי סענטער), 320 איסט 20טע סט., איז ווידער דא מר. הענרי דייווידאף.

אין פאבליק סקול 171, 103טע סט. און מעדיסאן עוו., איז פאראן מר. דזשו־ליוס דראטשמאן.

אין פאבליק סקול 84, ברוקלין, סטאן און גלענמאר עוועניו, איז דא דער לערער מר. ע. ס'דאנעל.

אלע דיזע קלאסען מיטען יעדען מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דא־נערשטאג אבענד.

טיקעטס פאר קאנצערטען צו ביליגע פרייזען.

אין אפיס פון לאקאל 25 קאנען די מיטגליעדער פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס באקומען טיקעטס פאר רעדוציר־טע פרייזען צו די פאלגענדע קאנצערטען:

די זונטאג אבענד קאנצערטען אין לעקסינגטאן טעאטער.

פאר'ן ריסייטעל דעם 17טען נאוועמ־בער אין קארנעגיע האל, פון דעם בארימ־טען פידעל־שפילער, מר. אלבערט ווערט־שאם, וועלכער איז גוט באקאנט צו פילע מיטגליעדער פון דער יוניאן. לעצטען שבת אווענט האט ער געשפיעלט גאנץ פריי אין אונזער יוניטי סענטער צו דעם ערעפענונגס קאנצערט.

א חוץ דעם קען מען אויך באקומען טיקעטס פאר רעדוצירטע פרייזען פאר די 10 זונטאג־קאנצערטען פון דעם ניישא־נאל סימפאני ארקעסטער, אין קארנעגיע האל און אויך פאר די קאנצערטען וואס וועלען קירצליך געגעבען ווערען אין מע־דיסאן סקווער גארדען אונטער'ן אויפזיכט פון דזשוליוס האפ.

דער באנקעט לכבוד וויס פרעז. ס. לעפקאוויטש

דער באנקעט לכבוד אונזער וויס־פרעזידענט סעמיועל לעפקאוויטש, לעצ־טען פרייטאג אווענט, איז געווען א זעהר גראטענער אין אלע הינזיכטען. עס זיי־נען דארט געווען פארטרעטערשאפטען פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון גרייטער ניו יארק און דער עולם האט זיך גאנץ גוט פארבראכט. לאקאל 3, וואו לעפקאוויטש איז א מיטגליעד, האט אויך ניט פארפעהלט איהם צוצושיקען א שעהנעם בעסקעט מיט בלומען.

דער באנקעט איז געגעבען געווארען צו דער געלעגענהייט פון ברודער לעפקא־וויטשעס זיך צוריקקעהרען פון יוראפ, וואו ער איז געווען אלס איינער פון אונ־זער דעלעגאציע צום אינטערנאציאנאלען קאנגרעס פון די קליידער־ארבייטער אין קאפענהאגען, דענמארק. דער באנקעט איז אראנזשירט געווארען פון לעפקאווי־טשעס פריינד און ער איז גאנץ גוט בא־זוכט געווען.

לויט דעם שטייגער פון באנקעטען, זיינען געהאלטען געווארען רעדען און דער צעטעל פון די רעדנער איז גאר א לאנגער. עס האבען גערעדט 16 רעדנער, אחוץ דעם טאוסטמייסטער און דעם בעל שמחה אליין. גליקליכערווייזע האבען די מעהרסטע רעדנער גערעדט גאנץ קורץ און דאס האט אי געלאזען גענוג צייט פאר'ן לעצטען רעדנער, דעם בעל שמחה אליין, און אי מען איז ניט פארטיג גע־ווארען צו שפעט.

דער טאוסטמייסטער איז געווען אונ־זער סעקרעטער־טרעזשורער אב. באראף, און ער האט עס געמאכט אויסגעצייכענט. ער האט געגעבען דעם אווענד דעם ריכ־טיגען טאן און געשאפען א זעהר גוט־מוטיגע שטימונג ביי די אלע פארזאמעל־טע. ער האט אויך אויף א שעהנעם אופן באגריסט דעם גאסט צו זיין ווייטערער טעטיגקייט אין די רייהען פון אונזער אינטערנעשאנאל.

ווי שוין פריהער באמערקט, איז דער צעטעל פון רעדנער געווען היבשליך לאנג, און ווי קורץ מאנכע פון זיי זאלען ניט האבען גערעדט, וואלט אלץ פארנומען צו פיעל פלאץ דא איבערצוגעבען אלע רע־דען. מיר וועלען זיך דעריבער מוזען בא־גנוגענען בלויז מיט אנדייטען ווער עס האט גערעדט.

ברודער מאריס זיגמאן, אונזער ער־שטער וויס פרעזידענט, האט באגריסט דעם גאסט אין נאמען פון דעם דזשענע־ראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינ־טערנעשאנאל יוניאן.

ברודער מאקס ד. דעניש האט גערעדט אין נאמען פון דער אראנזשמענטס קא־מיטע פון דעם באנקעט.

ברודער רייך האט גערעדט פאר די צוויי לאקאלס 3 און 80, וועלכע האבען זיך לעצטענס פאראייניגט אין איין לא־קאל.

די ברידער ל. פינקאווסקי, משערמאן פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמא־כער יוניאן, און י. פיינבערג, דער דזשע־נעראל מענעדזשער, האבען גערעדט פאר'ן דזשאינט באארד.

ברודער דזש. ברעסלאו, דער מענע־דזשער פון דער פרעסערס יוניאן לאקאל 35, האט גערעדט פאר זיין לאקאל.

ברודער ישראל לעווין, סעקרעטער פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10, האט גע־רעדט אין נאמען פון די קאטערס.

ברודער הורוויטץ, דער מענעדזשער פון אינדעפענדענט דעפארטמענט פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לא־קאל 25, האט גערעדט פאר דער דער־מאנטער ארגאניזאציאן.

ברודער בראדסקי, דער סעקרעטער פון דער בראנזווילער קלאוקמאכער יונ־יאן, לאקאל 11, האט גערעדט פאר זיין לאקאל.

ברודער דייוויס, דער מענעדזשער פון דער ווייטגודס ווארקערס יוניאן, לאקאל 62, האט גערעדט פאר דעם לאקאל, און האט דערביי דערמאנט, דאס ברודער לעפקאוויטש האט דעם לאקאל א סך גע־האלפען אין דעם לעצטען דזשענעראל סטרייק אין דער אינדוסטריע.

ברודער אסיפ וואלינסקי, דער מענע־דזשער פון דער עמברוידערי ארבייטער יוניאן לאקאל 66, האט גערעדט פאר דער ארגאניזאציאן.

ברודער ה. שפער, פון לאקאל 41, האט באגריסט דעם גאסט. שפער איז געווען דער יעניגער, וואס האט נאמי־נירט לעפקאוויטש'ען אויף דער קאנווענ־שאן אלס דעלעגאט צום אינטערנאציא־נאלען קאנגרעס און ער האט אויסגע־דריקט צופרידענהייט מיט זיין נאמינירען איהם.

ברודער מ. וויס, דער מענעדזשער פון לאקאל 6, האט גערעדט פאר זיין לא־קאל יוניאן.

ברודער דענגרע, רעדאקטאר פון אונ־זער איטאליענישער אויסגאבע, „דזשוס־טיציא", האט גערעדט פאר לאקאל 48.

ברודער פרידמאן, דער סעקרעטער פון לאקאל 20, האט גערעדט פאר די רײנ־קאוטמאכער.

ברודער מאנגוויטא האט גערעדט פאר דעם איטאליענישען וויסט־מאכער לאקאל 89.

ברודער ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט", האט געהאלטען א ביסעל א לענגערע רעדע פון די אלע פרי־הער דערמאנטע רעדנער. ער האט זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דער מי־סיאן, וואס לעפקאוויטש האט געהאט דורכצופיהרען אלס דעלעגאט צו אזא וויכטיגען קאנגרעס. זיין רעדע איז אויסגעהערט געווארען מיט פיעל אויפ־מערקזאמקייט.

און איצט קומט דער בעל שמחה אליין. ברודער לעפקאוויטש האט גע־האלטען א ציםליך לאנגע רעדע, אבער וואס ער האט געזאגט איז געווען אזוי אינטערעסאנט דאס אלע זיינען געזעסען געשפאנט און זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט.

ער האט דערצעהלט ווי ער האט זיך ניצליך געמאכט אויפ'ן קאנגרעס אלס אן איבערזעצער פון די רעדעס פון איין שפראך אין א צווייטער, א חוץ דעם וואס ער האט אנטייל גענומען אליין אין אלע וויכטיגע פראגען וואס דער קאנגרעס האט אויפגענומען.

ער האט אויך אפגעגעבען א זעהר אינ־טערעסאנטען רעפארט וועגען דעם צו־שטאנד פון די לענדער, וועלכע ער האט באזוכט אויף זיין רייזע. ער האט דער־צעהלט וועגען די צושטענדע אין עסט־רייך, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, דענמארק און אונגארן. ספעציעל האט ער זיך אפגעשטעלט אויף אונגארן, דאס לאנד אין וועלכען ער איז געבארען גע־ווארען און וואו עס הערשט איצט אזא שרעקליכע רעאקציע. ער האט דער־צעהלט פיעלע איינצעלהייטען פון די שוידערליכקייטען פון דעם ווייסען טערא־ר וואס הערשט איצט אין אונגארן, וואס האט ביי אלעמען ארויסגערופען א גרויל.

ער האט אויך באריכטעט פון דעם צושטאנד פון די טרייד־יוניאנס אין די לענדער, וואס ער האט באזוכט, און דער־צעהלט פיעלע אינטערעסאנטע פאקטען און איינצעלהייטען. מיר ווילען זיך דא וועגען דעם ניט פארברייטען, ווייל ברו־דער לעפקאוויטש וועט דאס אליין טאן, אנפאנגענדיג אין נעקסטען נומער „גע־רעכטיגקייט". ער וועט אליין דערצעה־לען די לעזער וואס ער האט געזעהן און געהערט אין איירפא.

מיר ווילען דא זאגען, צום שלוס, דאס די רעדע, וואס לעפקאוויטש האט געהאל־טען, איז ווירקליך געווען זעהר אינטערע־סאנט און איז פון אלעמען אויסגעהערט געווארען מיט א סך אויפמערקזאמקייט.

א סטעף רעפארטער.

ביליגע טיקעטס פאר קלאסישע קאנצערטען.

אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט, 31 יוניאן סקווער, אויך אין אפיס פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25, קאן מען באקומען טי־קעטס פאר די גרויסארטיגע קאנצערטען זונטאג ביינאכט, אין לעקסינגטאן טעא־טער, לעקסינגטאן עוועניו און 51טע סט. דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז גע־לונגען צו באקומען די טיקעטס צו רע־דוצירטע פרייזען, איהר באקומט זיי פאר א סך ביליגער ווי זיי קאסטען אין באקס־אפיס פון טעאטער.

קלאוקמאכער פון די פראטעקטיוו שעפער !

די ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין די שעפער פון די מא־נופעקטשורער וואס באלאנגען צו דער פראטעקטיוו אסס'ן, ווערען אויפ־געפאדערט צו ברענגען זייערע קאמפליינטס אין אפיס פון דער יוניאן, אזוי ווי אלע מאל.

דאס זעלביגע אויך מיט'ן איינרופען שאפ מיטינגען. וועגען אלעם וואס פאסירט אין שאפ זאל גלייך געמעלדעט ווערען אין אפיס פון דער יוניאן, 40 איסט, 23טע סטריט.

אין נאמען פון דזשאינט באארד,

דזשיי רובין,

מענעדזשער פראטעקטיוו דיוויזשאן.

אונזער מיטגלידערשאפט אין קענעדע און אין דער ווייטער וועסט

פון אלקסאנדער טראכטענבערג.
(דירעקטאר פון רעקארד און ריסוירטש דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל).

3.

אין די פריהערדיגע צוויי ארטיקלען האבען מיר איבערגעגעבען דעם רעזולטאט פון דעם צענזוס, ווענען דעם שטאנד פון די מיטגליעדער אין די לאקאלס פון דעם ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, און פון די לאקאל יוניאנס, וואס געפינען זיך אין די שטאאטען פון דער מידעל וועסט. אין דעם ארטיקעל וועלען מיר זיך פארנעהמען מיט אונזערע לאקאלס אין קענעדע, און די פון פאסיפישען קאוסט. ווי אין די פריהערדיגע ארטיקלען, דרוקען מיר דא אויך א טאבעלע מיט די ציפערען פון די לאקאלס.

אין מאנטרעאל, קענעדע.

אין מאנטרעאל האט אונזער אינטערנײשאנאל פינף לאקאלס, נעמליך: לאקאל 13, 19, 61, 102 און 112. די אלע לאקאלס, וואס באשטעהען פון קלאוקמאכער סקוירטמאכער, ריינקאוט מאכער און נאך אנדערע ארבייטער פון לײדיס גארמענטס, באלאנגען צו איין דזשאינט באארד. די גאנצע צאהל דיוס-צאהלענדע מיטגליעדער איז געווען דעם 30טען דזשון 1920 — 2,226. דער גאנצער שטאנד פון די מיטגליעדער איז געווען ווי פאלגט:

236 מיטגליעדער האבען געצאהלט זייער דיוס אין ערשטען פערטעל פון צענזוס יאהר; 254 אין צווייטען, 581 אין דריטען און 1124 אין לעצטען פערטעל יאהר. אחוץ דעם האבען 31 מיטגליעדער געהאט איינגעצאהלט דיוס אין פאראויס. 1736 מיטגליעדער, אדער 78 פראצענט פון דער גאנצער מיטגליעדערשאפט, זיינען שולדיג געווען פאר נים מעהר פון 26 וואכען, און 1155 אדער 52 פראצענט, זיינען געווען הינטערשטעליג נים מעהר ווי 13 וואכען.

אין פארלויף פונ'ם יאהר איז פון די לאקאלס ארויסגעפאלען 378 מיטגליעדער, שוין צוזמען מיט די, וואס האבען זיך טראנספערירט אין אנדערע שטעדט. עס זיינען אויך אריינגעקומען 53 נייע מיטגליעדער, דורך די מאנאטען אפריל, מאי און דזשון.

פארגלייכענדיג די מיטגליעדערשאפט פון די פינף לאקאלס דעם יאהר מיט די פון פאר-א-יאהרען, זעהען מיר, דאס וועהרענד דעם 1טען דזשון 1919 האבען די לאקאלס געהאט 1209 מיטגליעדער, האבען זיי אבער דעם 30טען דזשון, 1920, 2226. דאס איז א צואוואקס פון 1017 מיטגליעדער, אדער 84 פראצענט. ביידע זאכען, אי דער צואוואקס אין מיטגליעדער, אי דער הויכער פראצענט פון גוטשטעהענדע מיטגליעדער, באזירט אויף דער פעריאדע פון 26 וואכען, צייגט, דאס די לאקאלס אין מאנטרעאל האבען נים נאר כמעט פארצווייפאכט זייער מיטגלידערשאפט, זאנדערן דריי פערטעל פון די מיטגליעדער זיינען געווען גוטשטעהענדע.

אין טאראנטא.

אויך אין טאראנטא, קענעדע, זיינען דא פינף אינטערנײשאנאל לאקאלס, — לאקאל 14, 70, 83, 92 און 129. אויך די אלע לאקאלס זיינען פאראייניגט אין איין דזשאינט באארד. ווי דער צענזוס האט געוויזען, איז די מיטגליעדערשאפט פון דיעזע לאקאלס געווען דעם 30טען דזשון 1920 — 1423. לויט דעם צאהלען דיוס זיינען זיי פארטיילט געווען ווי פאלגט:

102 מיטגליעדער האבען געצאהלט די דיוס דורך די ערשטע דריי מאנאטען אין יאהר, 152 דורך די צווייטע דריי מאנאטען, 469 דורך די דריטע און 686 דורך די פערטע דריי מאנאטען. 14 מיטגליעדער האבען געהאט איינגעצאהלט די דיוס אין פאראויס. פאלגליך זיינען 1169 מיטגליעדער, אדער 82 פראצענט פון דער גאנצער מיטגליעדערשאפט, שולדיג געווען דיוס פאר נים מעהר ווי 26 וואכען, און 700, אדער 49 פראצענט, זיינען שולדיג געווען פאר נים מעהר ווי 13 וואכען. אין די לעצטע דריי מאנאטען פון צענזוס-יאהר האבען די לאקאלס אריינגענומען 27 נייע מיטגליעדער. דורך טראנספערס און אנדערע אורזאכען האבען די לאקאלס דורכ'ן גאנצען יאהר פארלארען 229 מיטגליעדער.

דער. צואוואקס פון מיטגליעדער אין טאראנטא איז נים געווען אזוי גרויס ווי אין מאנטרעאל. דער לאקאל 129 איז א נייער, ער איז ארגאניזירט געווארען זינט דעם לעצטען צענזוס יאהר. די מיטגליעדער פון דעם לאקאל זיינען באשעפטיגט ביי ראבער-מאנטלען. די צאהל מיטגליעדער אין די פיער לאקאלס פון טאראנטא איז געווען דעם 1טען דזשון, 1919, — 1160. פארגלייכענדיג מיט דער צאהל מיטגליעדער פון די פינף לאקאלס, דזשון דעם 30טען, 1920, זעהען מיר א צואוואקס פון 263 מיטגליעדער, אדער 23 פראצענט. אבער דער פראצענט פון גוטשטעהענדע מיטגליעדער באזירט אויף א פעריאדע פון 26 וואכען, איז אין די טאראנטא'ער לאקאלס געווען גרעסער, ווי אין מאנטרעאל.

אין סט. דזשאהן, נ. ב.

אין סט. דזשאהן איז דא בלויז איין לאקאל, נומער 86, א לאקאל פון קלאוקמאכער. דער לאקאל איז א קליינער, ער האט בלויז 53 מיטגליעדער. דערפאר קאן ער זיך בארימען, וואס 52 מיטגליעדער, אדער 98 פראצענט, זיינען שולדיג געווען דיוס פאר נים מעהר פון 26 וואכען, און 50, אדער 94 פראצענט, זיינען שולדיג געווען פאר ניט מעהר ווי 13 וואכען. בלויז איין נייער מיטגליעדער איז אריינגעקומען אין דעם לאקאל אין די לעצטע צוויי מאנאטען פון צענזוס יאהר.

דעם 1טען דזשון 1919 האט דער לאקאל 86 געהאט בלויז 15 מיטגליעדער. דורכ'ן לעצטען יאהר האט, אלזא, צוגעקראגען 38 מיטגלידער, אדער 253 פראצענט. אלזא, אי אין דער הינזיכט פון וואקסען, אי אין דער צאהל פון גוטשטעהענדע מעמבערס שטעהט דער לאקאל אויף דער גרעסטער הויך.

לאס אנדזשעלעס, קאליפארניא.

די ארבייטער אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע פון לאס אנדזשעלעס, די קלאוקמאכער און די וויסטמאכער, האבען דריי לאקאלס, נעמליך: 52, 97 און 103. דעם 30טען דזשון 1920 האבען די לאקאלס געהאט א מיטגלידערשאפט פון 752.

84 מיטגלידער האבען געצאהלט זייער דיוס דורך די מאנאטען דזשולי, אויגוסט און סעפטעמבער פון 1919; 140 דורך די מאנאטען אקטאבער, נאוועמבער און דעצעמבער, און 117 דורך די מאנאטען יאנואר, פעברואר און מערץ 1920, און 408 דורך די מאנאטען אפריל מאי און דזשון, 1920. 3 מיטגלידער האבען אפגעצאהלט זייערע דיוס אין פאראויס.

באטראכטענדיג דעם שטאנד פון די מיטגלידער, זעהען מיר, דאס 528, אדער 70 פראצענט, זיינען שולדיג געווען דיוס פאר ניט מעהר ווי 26 וואכען און 411, אדער 55 פראצענט זיינען געווען הינטערשטעליג ניט מעהר ווי פאר 13 וואכען. 3 נייע מיטגלידער זיינען צוגעקומען זינט אפריל, 1920.

דעם 1טען דזשון, 1919, האבען 572 מיטגלידער געצאהלט דיוס אין די לאס אנדזשעלעס'ער לאקאלס. דאס צייגט א מעהרהייט איבער דער מיטגלידערשאפט פון לעצטען יאהר פון 180 מיטגלידער, אדער 31 פראצענט. דער גרויסער וואוקס פון דער באפעלקערונג אין לאס אנדזשעלעס און די ענטוויקלונג פון דער מאנופאקטור פון לײדיס גארמענטס האט מעגליך געמאכט אונזער ארגאניזאציאן זאל וואקסען אויך אין דער שטאדט, וואס האט א נאמען אלס א ניט-יוניאן פלאץ.

סאן פראנציסקא.

אין סאן פראנציסקא האבען מיר צוויי לאקאלס) 8 און 124. די מיטגלידערשאפט פון ביידע לאקאלס איז געווען אין צייט פון צענזוס 376. 15 מיטגלידער האבען געצאהלט דיוס אין דעם 1טען פערטעל פון צענזוס יאהר, 56 דורכ'ן צווייטען, 58 דורכ'ן דריטען און 237 דורכ'ן פערטען. 10 מיטגלידער האבען געהאט אפגעצאהלט דיוס אין פאראויס.

305, אדער 81 פראצענט פון אלע מיטגלידער, זיינען שולדיג געווען דיוס ניט מעהר ווי פאר 26 וואכען און 247 מיטגלידער, אדער 66 פראצענט, זיינען געווען שולדיג ניט מעהר ווי פאר 13 וואכען.

אין לעצטען פערטעל יאהר האט לאקאל 8 צוגעקראגען זיבען נייע מיטגלידער. אבער דורכ'ן יאהר האט דער זעלבער לאקאל פארלארען 104 מיטגלידער, מעהרסטענס דערפאר, וואס די ארבייטער האבען פארלאזען די שטאדט. אבער דער צווייטער לאקאל, נומער 124, איז ארגאניזירט געווארען שוין נאכ'ן צענזוס פון 1טען דזשון 1919 און דער לאקאל האט דורכ'ן גאנצען יאהר קיין מיטגלידער ניט פארלארען. דזשון דעם 1טען, 1919, האט לאקאל 8 געהאט 328 מיטגליעדער. דאס מאכט, אז דער פארלוסט אין מיטגלידער דעם 30טען דזשון, 1920, איז געווען ניט מעהר ווי 18, אדער 5 פראצענט.

סעאטעל, וואשינגטאן סטייט.

אין סעאטעל איז דא לאקאל 28, א לײדיס טיילאר לאקאל. דעם 30טען דזשון, 1920, האט דער לאקאל געהאט 51 מיטגלידער, 38 פון זיי, אדער 75 פראצענט, זיינען שולדיג געווען דיוס פאר ניט מעהר ווי 26 וואכען און 10 מיטגלידער, אדער 20 פראצענט, זיינען שולדיג געווען פאר ניט מעהר ווי 13 וואכען.

דעם 1טען דזשון 1919 האט לאקאל 28 געהאט בלויז 37 מיטגלידער. אין פארגלייך, אלזא, מיט איצטער, האט דער לאקאל צוגעקראגען 14 נייע מיטגלידער, אדער 38 פראצענט.

די פארטיילונג פון די מיטגלידער אין די לאקאלס פון דער א. ל. ג. ו. י. אין מאנטרעאל, טאראנטא, סט. דזשאהן, נ. ב., לאס אנדזשעלעס, סאן פראנציסקא און סעאטעל. און א פארגלייך אין דער מיטגלידערשאפט פון דיעזע פארשיידענע לאקאלס דורכ'ן צענזוס-יאהר, וואס האט זיך געענדיגט דעם 1טען דזשון, 1919, און דזשון דעם 30טען, 1920.

	אלע דיוס-צאהלער מעמבערס דזשון 30, 1920	אלע דיוס-צאהלער מעמבערס דזשון 1, 1919	דער וואוקס אין מעמבערשיפ דזשון 1, 1919 ביז דזשון 30, 1920	פראצענט וואוקס אין מעמבערשיפ דזשון 1, 1919 ביז דזשון 30, 1920	פראצ. גוטשטעהענדע פאר 13 וואכען דזשון 30, 1920
מאנטרעאל					
לאקאלס					
13	1010	477	533	112	56
19	195	58	137	236	54
61	189	104	85	82	68
102	587	427	160	37	53
112	245	143	102	71	19
טאטאל — —	2226	1209	1017	84	52
טאראנטא					
לאקאלס					
14	832	742	90	12	49
70	232	150	82	55	29
83	119	125	—6	—5	43
92	179	143	36	25	70
129	61	—	—	—	85
טאטאל — —	1423	1160	263	23	49
סט. דזשאהן, נ. ב.					
לאקאלס					
86	53	15	38	253	94
לאס אנדזשעלעס					
לאקאלס					
52	492	397	95	24	69
97	85	54	31	57	29
103	175	121	54	45	27
טאטאל — —	752	572	180	31	55
סאן פראנציסקא					
לאקאלס					
8	310	328	—18	—5	74
124	66	—	—	—	27
טאטאל — —	376	328	48	15	66
סעאטעל					
לאקאלס					
28	51	37	14	38	20
גרענד טאטאל	4881	3321	1560	47	

לויט ווי די טאבעלע צייגט, האט דעם 30טען דזשון, 1920, אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן געהאט א מיטגלידערשאפט, אין קענעדע און אין וויטען וועסט, פון 4,881. אין יאהר 1919 האבען מיר דארט געהאט א מיטגלידערשאפט פון 3,321. די מיטגלידערשאפט האט זיך, אלזא, דורכ'ן יאהר פארגרעסערט מיט 1,560, אדער מיט 47 פראצענט. דער פראצענט פון גוט-שטעהענדע מיטגלידער אויף דעם באזיס פון דער פעריאדע פון 13 וואכען איז פארשידען, פון 20 פראצ. אין סעאטעל, ביז 94 פראצענט אין סט. דזשאהן, נ. ב.

א וויכטיגע קאנפערענץ פון די לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס שבת, 6טען נאוו.

דער צווייטער קאנפערענץ פון די לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון דער אינטערנעשאנאל וועט אפגעהאלטען ווערען שבת, דעם 6טען נאוועמבער, 2 אוהר בייטאג, אין קאונסיל רום פון דער אינטערנעשאנאל, 31 יוניאן סקווער, רום 1003.

דיעזע קאנפערענץ איז פון גרויס וויכטיגקייט. קאמיטעס וועלען עלעקטעד ווערען פאר פארשיעדענע טעטיגקייטען אין צוזאמענהאנג מיט אונזערע בילדונגס-טעטיגקייטען. אויך וועלען די סקעדיולס פאר די יוניטי סענטערס אזוי גוט ווי פאר'ן ארבייטער אוניווערזיטעט דיסקוטירט ווערען.

יעדער מיטגליעדער פון די קאמיטעס זאל אומבאדינגט קומען צום מיטינג.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש.

די אונטערזוכונג אין די בילדינג-טריידס.

די ענטפלעקונגען וואס זיינען געמאכט געווארען שוין אין דער ערשטער וואך פון דער „לאקוואוד האוזינג קאמישאן", וואס די לעדזשיסלייטשור אין אלבאני האט אפאינטעט צו אונטערזוכען די לאגע אין דער בילדינג אינדוסטריע אין ניו יארק, האבען אנגעמאכט אן אונגעהייערען רושם אין דער פרעסע און צווישען דער גאנצער באפעלקערונג. ביסלעכווייז, וועט מען, וואהרשיינליך, אויסגעפינען דורך דיזער אונטערזוכונג, אלע סודות פון דעם „בילדינג טראסט", אבער דערוויילע זיינען שוין די ערשטע בלעטלאך פון דיזער געשיכטע שפאנענד-אינטערעסאנט פאר יעדען איינציגען קרבן פון הויכע רענט און פון פראפיטירישע לענדלארדס, און דאס מיינט, דאך טאקע, פאר דער אונגעהייער גרויסער מאיאריטעט פון די ניו יארקער איינוואוינער.

די צוויי הויפט פאקטען וואס זיינען דערווייל ארויסגעבראכט געווארען אין פארבינדונג מיט דיזער לאגע איז, אז אין ניו יארק האט עקזיסטירט שוין פאר עטליכע יאהר א פארבינדונג פון 32 אסאסיאיישאנס פון קאנטראקטארס און ארבייטס-געבער אין דער בילדינג אינדוסטריע, די זאגענאנטע „בילדינגס טרייד אסאסיאיישאן", און דיזע אסס'ן האט קאנטראלירט דעם גאנצען בילדינג מארקעט אין גרויס ניו יארק. מען איז אויך דערגאנגען אז דיזער טראסט האט דורך געוויסע אגענטען אויסגעפיהרט אז צווישען די פארשיידענע בילדערס און קאנטראקטארס זאל ניט זיין קיין קאנקורענץ און אז זייערע מעמבערס זאלען ניט מאכען קיינע „בידס" איינער געגען א צווייטען. אלע אזעלכע „בידס" פלעגען צוגעשיקט ווערען צו א געוויסען פארמיטלער און דורך איהם פלעגען שוין די קאנטראקטארס קריגען יעדער זיין חלק, נאכדעם ווי עס פלעגט פון דער גראס-סומע ארונטערגענומען ווערען א פעטער פראצענט פאר דיזען פארמיטלער.

די צווייטע ענטדעקונג — דערווייליגע ערשט אלס אן אנקלאגע — איז געמאכט געווארען בנוגע די פיהרערס פון דעם בילדינג טריידס קאונסיל, די פאראייניגטע קערפערשאפט פון די יוניאנס אין דער בילדינג אינדוסטריע. די קלאגע איז אז זיי פלעגען ארויספרעסען געלט פון די בילדערס, גאר אויף א גרויסען מאסשטאב. די קאנטראקטארס וועמען סעמועל אונטערמייער, דער לאיער פון דער קאמישאן, האט עקזאמינירט האבען באהויפטעט דאס דיזע פיהרער פלעגען ארויסרופען סטרייקס אויף יוניאן דזשאבס; פלעגען פארפאלגען די קאנטראקטארס און פלעגען ביי זיי ארויספרעסען געלט. דיזע קלאגען זיינען געמאכט געווארען הויפטזעכליך געגען ראבערט ברינדעל, דעם פרעזידענט פון דעם בילדינג טריידס קאונסיל.

נעקסטע וואך ווערט ערווארטעט א גאנצער בארג מיט נייע ענטדעקונגען, וואס וועלען באלייכטען פאר דעם גרויסען עולם ווארום בילדינג מאטעריאלען זיינען אזוי אומגעהייער געשטיגען פאר די לעצטע פאר יאהר און האבען אנגעמאכט אזא דחקות אין הייזער אין ניו יארק. די אונטערזוכונג פון די קלאגען געגען ברינדעל און זיינע חברים וועט געוויס קריגען די צושטימונג פון דער ארבייטער באוועגונג אין ניו יארק. עס איז כדאי דא צו דערמאנען אז דערזעלבער ברינדעל איז דאס דער איינציגער „ארבייטער פיהרער", וואס קריגט 30 טויזענד דאלאר א יאהר געהאלט פון זיין לאקאל, און ער איז אויך דער ערגסטער דם שונא פון דער ריינער, ערנסטער, ראדיקאלער ארבייטער באוועגונג אויף וועלכער ער פלעגט אנפאלען ביי יעדער געלעגענהייט. דא נישט לאנג טאקע האט דערזעלבער „פראלעטאריער" ארגאניזירט א שפאגעל נייע סקעב „יוניאן" צווישען די פיינטערס אום צו צוברעכען די רעגעלע ארגאניזאציע, וואס האט זיך ניט געוואלט אונטערווארפען אונטער זיין הערשאפט. די אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר האט שוין איהם ארויסגעפאדערט אפצוגעבען א דין וחשבון פאר דיזער שטיקעל ארבייט.

וואס עס זאל ניט ארויסקומען פון דיזער אונטערזוכונג, וועט עס אבער זיכער שטעלען צום שאנד-קלאץ די פראפיטירישע מאנאפאליסטען - קאנטראקטארס, וואס זיינען הויפטזעכליך שולדיג אין דעם דירות-יקרות אין ניו יארק. לאמיר האפען אז עס וועט אויך מאכען א סוף פון דעם גרעפט אין וועלכע מאנכע פון די „פעס" פון די בילדינג טרייד יוניאנס ווערען באשולדיגט און דיזע „פיהרערס" וועלען איין מאל פאר אלע מאל ארויסגעטריבען ווערען פון דער ארבייטער-באוועגונג.

די ערשטע וואך פון דעם מיינערס סטרייק אין ענגלאנד.

יעדע קויהלען מינע אין ענגלאנד איז נאך אלץ פעסט צוגעשלאסען פונקט ווי דעם ערשטען טאג פון סטרייק, און ניט די בעלי-בתים, ניט די רעגירונג האבען זאגאר געמאכט א פארזוך צו עפענען אפילו איין איינציגע מינע אין גאנצען לאנד. דער אפקלאנג פון סטרייק האט זיך שוין דערווייליגע געלאזט הערען איבער'ן לאנד דורכדעם, וואס די צאהל פון די פאסאזשיר און פראכט טריינס זיינען באדייטענד פארקלענערט געווארען אים צו שפארען קויהלען. אויסער דעם זיינען שוין פארמאכט געווארען פיעלע פעקטאריס און פיעלע ארבייטער זיינען אפגעלעגט געווארען.

דאס ערווארטעטע אריינמישען זיך פון די איבעריגע מיטגלידער פון דעם גרויסען ארבייטער „טריפעל אלייענס" אין דעם קאמף פון די מיינערס איז שוין טיילווייז מקוים געווארען. אין פארלויף פון דער וואך האט געמיטעט די עקזעקוטיווע פון דער אייזענבאהן ארבייטער יוניאן פון ענגלאנד און זי האט באשלאסען דאס אויב קיינע פארהאנדלונגען צו סעטלען דעם סטרייק וועלען ניט אנגעפאנגען ווערען ביז זונטאג דעם 24טען אקטאבער וועלען אלע אייזענבאהן ארבייטער ארויס אין סטרייק. וואהרשיינליך טאקע צוליעב דעם האט זיך לעצטען פרייטאג אנגעפאנגען א „געשפרעך" צווישען די פיהרער פון די סטרייקענדע מיינערס און דער רעגירונג. יעצט עקזיסטירט א גאנץ שטארקע אויסזיכט אז דער סטרייק וועט געוואונען ווערען אהן דער הילף פון א סימפאטיע סטרייק פון די אייזענבאהן און די טראנספארט ארבייטער. ווי עס זאל ניט זיין, דער סטרייק שטעהט גלענצענד.

מיר ווילען דא אנדייטען אז די איינציגע פאדערונג פון די מיינערס איז א העכערונג פון צוויי שילינג א טאג אין זייער לוין. אלע אנדערע פאדערונגען זיינען פון זיי צוריקגעצויגען געווארען דורך דעם רעפערענדום, אריינגערעכענט דעם פארלאנג אז דער ריטייל פרייז פון קויהלען זאל פארקלענערט ווערען. אט דאס פארקלענערען פון זייערע פאדערונגען האט זאגאר געשאפען א געוויסע ענטוישונג צווישען ארבייטער קרייזען אין אייראפא און אין אנדערע לענדער, און א צווייפעל ווערט עפענטליך אויסגעדריקט אויב אזא מעכטיגער קאמפסמיטעל ווי א דזשענעראל סטרייק אין איינע פון די גרעסטע אינדוסטריען פון אייראפא ווערט ניט פארביליגט ווען עס ווערט באנוצט פאר דעם געווינס פון אזא קליינינקייט ווי א זעהר מעסיגע העכערונג פון ווידזשעס.

* * *

די מאשיניסטען יוניאן רופט א וועלט-קאנפערענץ געגען מלחמה.

אט ווי אויף צו-להכעיס, גלייך נאכדעם ווי פרעזידענט גאמפערס האט אזוי שווארץ אפגעטאדעלט די אינטערנעשאנאל פעדערעישאן אוו לייבאר דערפאר וואס זי האט זיך געווענדעט צו איהם מיט דעם אפיעל צו ארבייטען צוזאמען צו פארמיידען קריעג אין דער צוקונפט, און ארויפצולייגען א באיקאט אויף אלע קריעג-שאפענדע אונטערנעהמונגען, קומט דער ערפרישענדער באשלוס פון דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אסס'ן אוו מאשיניסטס, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דיזען מאנאט אין ראטשעסטער. די מאשיניסטען יוניאן איז איינע פון די שטארקסטע אין לאנד, די דריטע אין דער א. פ. אוו ל., און זי איז צוזאמענגעשטעלט פון די געאיבטסטע מעכאניקער אין זייער אינדוסטריע. אויף זייער קאנווענשאן האבען די מאשיניסטען באשלאסען אויפצופאדערן די אינטערנעשאנאל פעדערעישאן אוו לייבאר צוזאמענצורופען א וועלט-קאנפערענץ אויסצוארבייטען פלענער ווי אזוי צו סטאפען דאס מאנופעקטשורען פון אלערליי געווער איבער דער גאנצער וועלט.

גענעראל סעקרעטער דייווידסאן פון די מאשיניסטען ערקלערט דאס דיזע רעזאלוציע פון זייער קאנווענשאן איז אויך אן ענטפער צו דעם „אפען-שאפ" קאמפיין, וואס די ארגאניזירטע ארבייטסגעבער פון לאנד האבען יעצט אנגעפאנגען איבער גאנץ אמעריקא. וואס זייערע מאטיווען זאלען ניט זיין, איז אבער גאנץ זיכער אז אויב זיי זאל זיך איינגעבען צו פאראינטערעסירען די ענגלישע ארבייטער באוועגונג, אויסער די אנדערע אינטערנעשאנאלס דא אין לאנד, וואס האבען שוין גענומען א געוויסע שטעלונג אין דיזער פראגע, וועט דיזע וועלט-קאנפערענץ אהן צווייפעל צוזאמענגערופען ווערען.

די מאראלישע ווירקונג פון דיזער רעזאלוציע איז שוין גאנץ גרויס, און עס צייגט פאר דער וועלט דאס די שטעלונג פון פרעזידענט גאמפערס אין צוריקשליידערען דעם אפיעל פון דער „אינטערנעשאנאל פעדערעישאן" פאר געמיינשאפטליכער ארבייט אין איהר געגען מלחמה אגיטאציע, איז ניט אין איינקלאנג מיט דער שטימונג פון די גרויסע ארבייטער מאסען אין אמעריקא.

* * *

די לעצטע וואך פון קאמפיין.

דער פאליטישער קאמפיין פון 1920 איז שוין כמעט פאראיבער. ווען דיזע צייל ען ווערען געשריבען שיינט עס אז הארדינג וועט זיכער ערוועהלט ווערען אלס פרעזידענט.

די רעפובליקאנער וועלען זיכער הייאהר געווינען צוליעב דעם, וואס דער עולם איז אונגעהייער „דיסגאסטעד" פון די דעמאקראטען. זיי וועלען פארכאפען די מאכט אין לאנד ניט חלילה דערפאר, וואס די בירגער זיינען פארליעבט אין זייער פארטיי אדער זייערע קאנדידאטען, נאר פשוט דערפאר וואס די גרויסע מאסע וועהלער זיינען טיעף ענטריסטעט געגען ווילסאן-אדמיניסטריישאן און די וואשינגטאנער אויטאקראטען פון די לעצטע פיער יאהר. די דעמאקראטען האבען דורך דער לעצטער וואך געטרייט צו שפילען אביסעל אויף דער סטרונע פון „געוויסען און לאיאליטעט", אבער דיזע הויך קלינגענדע ווערטער וואס זיינען אזוי אויסגעדראשען געווארען אין דער צייט פון מלחמה געפינען יעצט א שוואכען אפקלאנג. דאס לאנד איז וואהרשיינליך באשעהרט אריינצוקריגען א פארציע פון „פיער יאהר הארדינג" און דער גרויסער עולם נעמט עס שוין אן אלס א זיכערע זאך.

דער איינציגער שטראהל אויף דעם גרויען האריזאנט פון דיזע פאליטישע ערווארטונגען איז די וואהרשיינליכקייט דאס מיר וועלען היי-יאהר האבען אן אונגעהויערען גרויסען פראטעסט אין רעוואלוציאנערען וואוט, וואס וועט ערשטוינען די אונטערשטיצער און בעלי-בתים פון די אלטע קאפיטאליסטישע פארטייען. דער „שטרוי וואוט", וואס א גרויסע וועכענטליכע צייטונג האט דורכגעפיהרט צווישען 600,000 בירגער אין די מידל וועסט און אויף דעם פאסיפיק קאוסט צייגט ווי דער ווינד בלאזט היי-יאהר. די ציפערען צייגען אן אונגעהייערען שוואונג צו די סאציאליסטישע רייהען; זיי צייגען אז דער סאציאליסטישער וואוט וועט פארדאפעלט ווערען אין אינדיאנא און אהייא, וועט פארדרייפאכט ווערען אין ניו דזשוירזי, אילינאיז און קאליפארניע און פארפינפאכט ווערען אין ניו יארק וואו די סאציאליסטישע אסעמבלילייט זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון דער אסעמבלי. אויסער דעם גרויסען וואוט וואס דעבס און קריסטענסען ערווארטען צו קריגען, דיימען אן דיזע רעפארטס אז אן אנצאהל סאציאליסטישע און פארמער-לייבאר קאנגרעסלייט וועלען הייאהר ערוועהלט ווערען אין ניו יארק, אקלאהאמא און אילינאיס. ניו יארק וועט זיכער שיקען צוריק א פיעל פארגרעסערטע דעלעגאציע פון סאציאליסטישע אסעמבלי-לייט און, זעהר מעגליך, עטליכע סענאטארען פון די איבעריגע טיילען פון לאנד, הויפטזעכליך פון מאנטאנא, מינעסאטא, נארטה און סאוטה דאקאטא ווערט ערווארטעט אז קאנגרעסלייט און זאגאר א יונייטעד סטייטס סענאטאר וועלען ערוועהלט ווערען אויף דעם סאציאליסטישען און פארמער - לייבאר טיקעטס.

* * *

דער סוף פון דער וואלל סטריט עקספלאזיאן בלבול.

די צייטונגען וואס האבען מיט אזא געפילדער געמאלדען אין דער צייט פון דעם וואלל סטריט אונגליק אז אין דעם איז געווען שולדיג אן „אנארכיסטישע פארשווערונג" האבען יעצט אזוי ווי אריינגענומען וואסער אין מויל און שווייגען שטיל. דר. וואלטער שיף, א באוואוסטער אויטאריטעט וועגען אויפרייסענדע מאטעריאלען האט פארגעלייגט פאר דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס זיין רעפארט פון אן אונטערזוכונג וואס ער האט געמאכט פון דער עקספלאזיאן. נאך א לאנגען און גרינדליכען אנאליז, ערקלערט דיזער עקספערט, דאס דער אומגליק איז פאראורזאכט געווארען פון א געוויסען כעמישען שטאף, וואס מען באנוצט פאר אויפרייסען אלטע בילדינגס, און דאס ער איז איבערצייגט דאס דיזע קאטאסטראפע האט ניט געקענט ווערען פאראורזאכט פון אירגענד וועלכער „טעראריסטישער ארגאניזאציע".

האבען מיר גלייך ערווארטעט א גאנצען מבול פון ערטיקלען אין אונזערע גרויסע קאפיטאליסטישע צייטונגען, וואו די רעדאקטערע וועלען זיך געשלאגען על חטא פאר די אומזיסטיגע באשולדיגונגען און אינסינואציעס, וואס זיי האבען געמאכט נאך איידער אן אפיציעלע אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען. אבער, א נעכטיגער טאג! די ערטיקלען פון דער פרעסע שווייגען; אונזערע שערלאק האלמסעס און די גאנצע ארמיי פון פארפראצעוועטע דעטעקטיווס האבען זיך שטילערהייט אפגעטראגען און די לעזער פון די צייטונגען האבען נאר איין קלארען שלוס צו ציהען פון דעם גאנצען געשעפט, און דאס איז, אז די עקספלאזיאן איז געקומען פון א צוזאמענשטויס פון צוויי טראקס פון וועלכע איינער איז געווען אנגעלאדען מיט אויפרייסענדע מאטעריאלען פאר גראבען פונדאמענטען פאר בילדינגס.

דער עקעלהאפטער טריק פון די צייטונגען אויפצוהעצען דעם גרויסען עולם געגען די „רויטע", געגען די „ראדיקאלען" און ווארפען אויף זיי א חשד אין פארבינדונג מיט דיזען אומגליק איז דאך זיי וואהרשיינליך, ביז א געוויסען גראד, געלונגען. דאס אייגענטליך איז דאך געווען אלץ וואס זיי האבען געוואלט. מיליאנען האבען געלעזען די בלוטיגע אינסינואציעס, און עפעס איז דאך פארבליבען אין זייערע פאר'סמ'טע געדאנקען. און נאר א קליין הייפעלע, אין פארגלייך וועלען לעזען דעם רעפארט פון דר. שיף, וואס איז אנגעשריבען געווארען פון אן עהרליכען מענשען מיט א געזונטען פארשטאנד.

דער מיטינג פון דזשאינט באארד

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס

א קאמיטע אין דער פערזאן פון ברעטא מיילי, פון דער רענד סקול, פארלאנגט, אז דער דזש. ב. זאל זיי העלפען באצאהלען די 3000 דאלאר שטראף, וועלכע די רענד סקול דארף באצאהלען אויף די ענטשיידונג פון דעם סופרים קאורט.

דער פארלאנג פון דער קאמיטע ווערט אויפגענומען און די דזש. באארד באשליסט צו שטיצען די רענד סקול מיט 100 דאלאר.

לאקאל 11 אינפארמירט אז מיט עטליכע וואכען צוריק האבען זיי אויפגעפאדערט דעם איטאליענישען לאקאל צו אפאינטען א קאמיטע, וועלכע זאל צוזאמען מיט א קאמיטע פון לאקאל 11 אויפנעמען דעם פארלאנג פון לאקאל 48 באצוג דער פראגע פון טראנספערירען די איטאליענישע מעמבערס. לאקאל 11 ערקלערט אז ביז יעצט האט זיי די עקזעקוטיוו באארד פון דעם איטאליענישען לאקאל ניט געענטפערט. דער לאקאל פארלאנגט אז דער דזשאינט באארד זאל אויפפאדערען לאקאל 48 צו אפאינטען אזא קאמיטע וועלכע זאל זיך טרעפען מיט א קאמיטע פון לאקאל 11 און אויפנעמען די פראגע פון די איטאליענישע מעמבערס.

דער פארלאנג פון לאקאל ווערט באוויליגט.

די נעטשוראליזיישאן עיד ליעג פארלאנגט פינאנציעלע שטיצע.

דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט

ברודער פיינבערג באריכטעט אז דער פראטעקטיוו דיוויזשאן האט נעהאט א שאפ טשערמאן מיטינג, און די מעמבערס האבען ארויסגעוויזען גרויס באגייסטערונג, און האבען אויך ארויסגעוויזען אז זיי פארשטעהען די ערנסטקייט פון דער לאגע. ער ערקלערט ווייטער אז אין אייניגע שעפער זיינען פארגעקומען טראבעלס, און אזוי שנעל ווי די מעמבערס האבען ערקלערט די מאנופעקטשורערס אז זיי וועלען ניט דולדען קיינע דיסקרימיניישאנס, אזוי שנעל האבען די מאנופעקטשורערס געשליכטעט די טראבעלס, און אלעס איז ווייטער אין דער בעסטער ארדנונג. ברודער פיינבערג באריכטעט אז דער אפיס פאסט אויף אז די מעמבערס אין די שעפער זאלען געניסען פון די בענעפיטס אזוי גוט ווי בעפאר, ווען דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן האט עקזיסטירט.

כ.ים דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעק.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. II. No. 44. — New York, Friday, Oct. 29, 1920.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Accepting for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of Ocober 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

דער נייער סכסוך אין דער קלאוק־אינדוסטריע פון ניו יארק, דער פלוצלונגער אולטימאטום, וואס די פיהרער פון דער „פראטעקטיוו אסס'ן" האט צוגעשיקט דער קלאוקמאכער יוניאן, און אונזער אינטערנעשאנאל, האט ארויסגערופען א אויפרור אין דער אידישער פרעסע פון ניו יארק. ראסגלייכען איז געווען דער פאל מיט'ן טאקטישען ענטפער פון דער יוניאן צו דער באסעס אסס'ן און כמעט אלע אידישע צייטונגען פון ניו יארק האבען געהאט, אחוץ די נייעס אויך עדיטאריעלס וועגען דער אנגעלעגענהייט. עס וועט דעריבער ניט זיין אויסער'ן וועג דא איבערצוגעבען אויסצוגען פון די עדיטאריעלס אין די צייטונגען; פאר אונזערע מיטגלידער וועט געוויס זיין אינטערעסאנט צו וויסען, וואס די אלע טעגליכע אידישע צייטונגען פון ניו יארק, וואס ווערען ארויסגעגעבען פון פארשיידענע פארטייען און ריכטונגען, האבען געהאט צו זאגען וועגען דעם ענין עדיטאריעל, דאס הייסט, וועלכע שטעלונג זיי האבען גענומען צו דער אנגעלעגענהייט.

דעם 12טען אקטאבער האט דער „פארווערטס" געהאט אן עדיטאריעל אונטער דעם קעפעל: „איז עס די קלאוק־מאנופעקטשורערס געווארען איבערדריסיג צו לעבען רוהיג?"

אין דעם עדיטאריעל ווערט געזאגט:

„עס שיינט, אז דער קלאוק מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן איז איבערדריסיג געווארען צו לעבען רוהיג, ווארים מיט קיין אנדער זאך קען מען ניט ערקלערען די האנדלונג פון די פיהרער פון דער אססאסיאיישאן, פראוואצירענדיג די קלאוק מאכער יוניאן צו א קאמף.

וואס האט פאסירט צווישען דער קלאוק מאנופעקטשורערס אסס'ן און די קלאוק מאכער יוניאן? די ביידע קערפערשאפטען האבען זיך מיט עטליכע חדשים צוריק פארלאזען אויף גאווערנאר סמיטה'ס א קאמיטע אויסצוגלייכען דעם סכסוך צווישען זיי וועגען העכערען די ווייזשעס. די יוניאן האט אנגענומען די ענטשיידונג פון דער קאמיטע, אבער די מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן האט קיין זאך ניט געטאן, אז אלע איהרע מיטגליעדער זאלען דורכפיהרען די ענטשיידונג פון דער קאמיטע. מעהרערע מיטגליעדער פון דער אססאסיאיישאן האבען זיך אפגעזאגט צו געבען א העכערונג אויף די ווייזשעס, וואס די קאמיטע האט צוגעפסק'נט, און די אסס'ן האט ניט אנגענומען קיין שום מיטלען צו צווינגען איהרע מיטגליעדער, אז זיי זאלען דורכפיהרען די ענטשיידונג. די אסס'ן איז אבער ארויס מיט א געוואלד, ווען די ארבייטער אין די שעפער האבען זיך אפגעזאגט צו ארבייטען פאר די מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען ניט געפאלגט די ענטשיידונג פון דער קאמיטע. די בעאמטע פון דער אסס'ן האבען נאך געהאט די העזה צו באהויפטען, אז די יוניאן האט געבראכען איהר אפמאך מיט דער אסס'ן.

די יוניאן האט אויפגעפאדערט די אסס'ן, אז זי זאל מיט איהר געהן צו דעם גאווערנאר'ס קאמיטע און זאל די קאמיטע ערקלערען איהר ענטשיידונג, אבער קיין ענטפער פון דער אסס'ן איז פארלויפיג נאך ניט געקומען. די בעאמטע פון דער אסס'ן זוכען אבער צו פארשפרייטען וואס מעהר דעם קלאנג, אז די יוניאן האט געבראכען דעם אפמאך מיט דער אססאסיאיישאן.

ווי עס זעהט, אלזא, אויס זוכט די אסס'ן צו פראוואצירען די קלאוק מאכער יוניאן צו אן אפענעם קאמף. עפעס הערען מיר וועגען א געמיינשאפטליכע קאנפערענץ, וואס איז ניט לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען פון מאנופעקטשורערס פון די פארשיידענע צווייגען אין דער נאדעל־אינדוסטריע. האבען עס דארטען די מאנופעקטשורערס זיך צונויפגערעדט וועגען אויפנעמען א קאמף געגען די ארבייטער אומצוקעהרען זיי צו די אמאליגע שקלאפעריי, וואס האט געהערשט אין דער נאדעל־אינדוסטריע?

די קלאוק מאנופעקטשורערס האבען א לענגערע צייט געלעבט רוהיג האבען זיי זיך, ווי עס זעהט אויס, פארבענקט נאך א קאמף. אויב זיי ווילען עס דורכאויס האבען, וועלען זיי עס קריגען. נאר איין זאך דארפען די קלאוק מאנופעקטשורערס געדענקען, אז ווען עס זאל קומען צו אן אפענעם קאמף מיט זייערע ארבייטער, דאן וועלען זיי אויסקריגען מיט פראצענט דרעפ, וואס זיי האבען אין די לעצטע פאר פרידענס־יאהרען פארשלונגען. גרייטענדיג זיך צום קאמף דארפען די קלאוק מאנופעקטשורערס וועניגסטענס איבערקוקען די געשיכטע פון דער קלאוק מאכער אינדוסטריע און די קעמפפע וואס זי האט דורכגעמאכט. און אין דער געשיכטע וועלען זיי געפינען, אז יעדער קאמף וואס איז פראוואצירט געווארען פון די קלאוק מאנופעקטשורערס האט זיך פאר זיי געענדיגט מיט א נידערלאגע. דאס איז געווען דער פאל, ווען די קלאוק מאכער זיינען אפילו נאך ניט געווען אזוי שטארק ארגאניזירט. די מאנופעקטשורערס דארפען דעריבער אויך א מינוט ניט צווייפלען אין די רעזולטאטען פון א נייעם קאמף, ווען די קלאוק מאכער יוניאן איז אזוי גרויס און שטארק."

* * *

און ניט בלויז דער „פארווערטס" נעהמט אזא שטעלונג, אפווייזענדיג די קלאוק מאנופעקטשורערס אויף דעם פאלשען שריט וואס זיי האבען געמאכט. די זעלבע שטעלונג נעהמען אויך די אנדערע צייטונגען, וועלכע זיינען ניט קיין סאציאליסטישע.

דער „טאג" פון 10טען אקטאבער האט געהאט אן עדיטאריעל אונטער דער קעפעל: „נייער סכסוך אין דער קלאוק אינדוסטריע", אין וועלכען די קלאוק מאנופעקטשורערס ווערען געווארנט, ניט ארייינצושלעפען דער יוניאן אין א קאמף. דער עדיטאריעל ווייזט אן, דאס די בעלי בתים האבען געוויס ברעה ארונטערצודריקען דעם סטאנדארד פון די ארבייטער, וואס די יוניאן וועט געוויס ניט דערלאזען. אט וואס אין דעם עדיטאריעל אין „טאג" ווערט געזאגט:

„דער הימעל פון אידישע טריידס זעהט ווידער אויס צו זיין פארוואלקענט מיט סטרייק־געפאהרען. מען רעדט וועגען א מעגליכקייט פון א גענעראל סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע, אין איינער פון די גרעסטע אינדוסטריען אין ניו יארק און אין גאנצען לאנד. דאס וואלט געווען אן אומגליק, וואס דארף פארמידען ווערען.

עס וואלט געווען א זעהר גרויסער פארדרוס און אן אמת'ער פארלוסט, ווען צוליעב דער עקשנות פון וועלכען עס איז צד זאל ווערען א תל — ווען אפילו אויף א געוויסער צייט — פון דער גאנצער ארביטריישאן מאשינעריע, וועלכע האט ביז איצט גאראנטירט און פארזיכערט דעם שלום אין דער גרויסער אינדוסטריע. עס איז די יוניאן וואס האלט זיך פעסט אן דעם פרינציפ פון ארביטריישאן אויך אין דעם נייעם סכסוך, און מיר ווילען ניט דערלאזען דעם געדאנק, אז די מאנופעקטשורערס וועלען זיך ארויסווייזען פאר אזוי קורצזיכטיג און פרואוועז צו העלפען ברעכען דעם, דורך יאהרען ענטוויקעלטען, אפאראט פון פרידליך שליכטען די פארשידענע שטרייט־פראגען, וואס ענטשטעהען צווישען קאפיטאל און ארבייט.

אין לעצטען סך הכל איז דאס משפען זיך פון די מאנופעקטשורערס צו דער יוניאן, אז זי פיהרט ניט אויס געוויסע טעכנישע פונקטען פון דעם אפמאך, וואס עקזיסטירט צווישען דער יוניאן און דער מאנופעקטשורערס אסס'ן, א רעזולטאט פון דער אלגעמיינער טענדענץ, וועלכע האט זיך לעצטענס גאנץ קענטיג גענומען מערקען אין אלע אינדוסטריען, א טענדענץ, צוריקצוציהען ביי די ארבייטער די געוואונענע פארבעסערונגען, די ערווארבענע פריווילעגיעס און רעכט.

„. . . דאס מיינט ניט קיין אנדער זאך, ווי א פארזוך צו צוברעכען די ארגאניזאציע פון די ארבייטער און דורך דעם — צו זיין אימשטאנד צו באהאנדלען די ארבייטער אזוי ווי זיי — די מאנופעקטשורערס — וועלען געפינען פאר נויטיג און פאר גנעדיג.

די אורזאך פון אט דער טענדענץ איז אויך פארשטענדליך. די מעהרסטע פארבעסערונגען האבען די ארבייטער געוואונען דורך דער צייט פונ'ם קריעג. דאן איז אבער געווען א גרויסע מזל־ברכה. די מאנופעקטשורערס האבען געמאכט ריזיגע פראפיטען און זיי האבען זיך לייכט געקענט ערלויבען צו זיין ליבעראל צו די ארבייטער.

איצט הערשט דא אבער א פארהעלטניס־מעסיגער אינדוסטריעלער שטילשטאנד. עס איז ניטא אזוי פיעל ארבייט און דעריבער אויך ניט אזוי פיעל פראפיטען. ווילען די פאבריקאנטען טאקע ניט מעהר זיין אזוי ליבעראל.

דאס איז פארשטענדליך, אבער קיין בארעכטיגונג איז עס געוויס ניט. די ארבייטער וועלען ניט לאזען ארויסרייסען ביי זיך די געווינסטען, און אויב די מאנופעקטשורערס וועלען זיין נאר איינגעעקשנ'ט, וועלען זיי בלויז ארויסרופען שטארקע, גרויסע קאמפפען, וועלכע קענען אין לעצטען סך הכל קיין צופיעל גוטס די מאנופעקטשורערס אליין ניט ברענגען.

„. . . מיר האפען אבער, אז זיי וועלען זיך בארעכענען אין דער נויטיגער צייט. א סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע וואלט איצט געווען אן אומגליק, און אויב די באלעבאטים וועלען זיין זעהר איינגעשפארט, וועלען זיי א סטרייק ארויפצווינגען. דאס דארף ניט און טאר ניט געשעהן."

* * *

א גאנץ שארפע ווארנונג באקומען אויך די קלאוק מאנופעקטשורערס אין אן עדיטאריעל אין דער „אידישע טאגעבלאט". „די אידישע טאגעבלאט" וועט געוויס קיינער ניט באטראכטען אלס א ראדיקאלע צייטונג, אדער אלס א צייטונג, וואס האט מעהר סימפאטיע פאר'ן ארבייטער קלאס ווי פאר'ן בעלי־בתים־קלאס. אבער די צייטונג באטראכט די זאך אין דעם ריכטיגען ליכט און דער רעזולטאט איז דאס די קלאוק מאנופעקטשורערס באקומען אויך דא א גאנץ שארפע ווארנונג אין דעם איצטיגען סכסוך.

אונטער'ן קעפעל: „דער אולטימאטום פון די קלאוק מאנופעקטשורערס", ווערט צווישען אנדערעס געזאגט:

„די קלאוקס און סוטס מאנופעקטשורערס זוכען אנצומאכען טראבעל אי פאר זייערע ארבייטער אי פאר זיך אליין. זיי האבען געשיקט אן „אולטימאטום" צו דער קלאוק מאכער יוניאן, אז אויב די יוניאן וועט אין שטונדען צייט ניט צוריקרופען אלע סטרייקס, וואס ווערען געפיהרט געגען מיטגלידער פון דער קלאוקס און סוטס מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן, וועלען זיי, די קלאוק באסעס, אפברעכען זייער אגרימענט מיט דער יוניאן.

דיזער בטראשונאק פון די קלאוק באסעס איז נאריש און געוואגט. נאריש, ווייל ער וועט די מעכטיגע אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט ווארקערס יוניאן ניט איבערשרעקען. די יוניאן האט גאנץ פעהיגע „לינעל אדווייזערס" און זי ווייס גאנץ גוט וואס זי מעג יא טאן און וואס ניט. די יוניאן איז גרייט צו באווייזען, אז אלע סטרייקס וואס געהען איצט אין אין קלאוק טרייד, וואלטען ניט געגען דעם אגרימענט, נאר ארבה, זיי האבען דעם צוועק צו באשיצען דעם אגרימענט, וועלכען געוויסע באסעס האבען געבראכען.

און געוואגט איז דער אולטימאטום פון די קלאוק מאנופעקטשורערס דערפאר, ווייל ער זוכט צו שאפען טראבעל, ארבייטסלאזיגקייט און אומצופרידענהייט אין א צייט, ווען אונזער לאנד נויטיגט זיך אין רוהע, אין קאנסטרוקטיווע ארבייט און אין א פארגרעסערונג פון דער אלגעמיינער פראדוקציאן. די אססאסיאיישאן וועט מיט איהר „לאקאוט" שאפען אין איינעם פון די וויכטיגע טריידס א קריזיס, וועלכער קען ווערען זעהר געפעהרליך אין א צייט, ווען עס קריזעלט אין אלע עקען פון לאנד און די גרעסטע פינאנסיסטען און שטאאטסמענער זוכען מיטלען ווי צו פארהיטען אן אלגעמיינעם אינדוסטריעלען קריזיס און א פינאנציעלען פאניק. די קלאוק מאנופעקטשורערס שפילען זיך מיט פייער."

און אזוי ריידענדיג אין זעלבען זין, קומט די צייטונג צום שלוס אז דאס קען פיהרען צו א „לאקאוט", און דער עדיטאריעל שרייבער פארענדיגט:

„. . . א לאקאוט אין דער קלאוק־אינדוסטריע, אין דער איצטיגער צייט פון אלגעמיינער אונזיכערהייט, וואלט זיין ניט נאר א פארברעכען געגען די ארבייטער, נאר אויך א גרויסע עולה געגען די אינטערעסען פון לאנד."

אין דער פינישערס יוניאן, לאקאל 9

אונזערע סעקשאן מיטינגען וועלכע זיינען צוליעב די יום טובים אונטערגעבראכען געווארען, זיינען איצט ווידער אנגעפאנגען געווארען און וועלען פארטגעזעצט ווערען רעגעלמעסיג אהן אונטערברעכונגען.

צוליעב פיעלע טעמים האבען מיר ערווארטעט אז דעם מאל וועלען די מיטינגען באזוכט ווערען א סך בעסער ווי ביז איצט. ערשטענס האבען מיר פאר א לענגערע צייט, צוליעב די יום טובים ניט געמיטעט און, צווייטענס, איז דאך איצט פארט א צייט וואס עס רודערט זיך ביי אונז. אמת, מיר ווייסען אז אונזערע מעמבערס פארשטעהען אז זיי האבען ניט וואס צו זיין אומרוהיג צוליעב דעם לעצטען „אולטימאטום" פון די בעלי־בתים, פון די פראטעקטיוו אסס'ן שעפער, ווייל זיי ווייסען אז די יוניאן איז אימער אויף דער וואך און איז שטארק גענוג צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער ווען נויטיג. פונדעסטוועגען איז דאס פארט ניט קיין תירוץ ווארום אונזערע סעקשאן מיטינגען זאלען ניט ווערען בעסער באזוכט ווי ביז איצט. אונזערע מעמבערס מוזען דאך אייגענטליך וויסען וואס עס טוט זיך איצט אין טרייד, וואס רעדט די פיהרערשאפט פון דער יוניאן וועגען דעם אפברעכען פון אגרימענט; וועגען דער לאגע אין טרייד אין אלגעמיין. עס איז ווירקליך א פארדרוס אז ווען מען קומט ביי אזא צייט צו א מיטינג און מען געפינט א האלב געפאקט מיט... לעדיגע בענקלעך. עס איז פשוט שווער צו געפינען א פארענטפערונג פאר אזוינע זאכען.

זאל דאס זיין נאכלעסיגקייט, אדער די געוואוינהייט צו פארלאזען זיך אז מען וועט שוין אלעס אפטוען אהן זיי? אונזערע מעמבערס דארפען וויסען אז קומען צו א סעקשאן מיטינג איז פונקט אזא חוב ווי אפהיטען אלע אנדערע רולס און כללים פון דער יוניאן. און מיר ערווארטען אז אונזערע קומענדע סעקשאן מיטינגען וועלען באזוכט ווערען בעסער ווי ביז אהער, וואס דאס וועט זיין דער בעסטער באווייז אז אונזערע מעמבערס ווייסען ווי אפצושעצען די וויכטיגקייט פון מאמענט. אלזא, קומט צו די סעקשאן מיטינגען!

* * *

אין אונזער לאקאל איז די לעצטע צייט צו זעהן א זעהר לעבהאפטע טעטיגקייט. אלע אונזערע קאמיטעס ארבייטען פלייסיג אויף זייערע פארשידענע אמטער. א באזונדער דאנק פארדיענט די [illegible] פאר איהר טעטיגקייט. וועגען דיזער קאמיטע האבען מיר שוין א פאר מאל דערמאנט אין אונזערע בעריכטען. מיר ווילען דא נאר זאגען אין קורצען, אז פאר'ן קומענדען ווינטער איז ארגאנזירט א גאנצע רייהע לעקטשורס אין פארשידענע טיילען פון שטאדט איבער פארשיידענע געגענשטאנדען, וועלכע זיינען פון גרויס וויכטיגקייט פאר אונזערע מעמבערס, און פון וועלכע אונזערע מעמבערס קענען פיעל נוצען האבען. אויך איז דער קלאס וועלכען מיר האבען אלע שבת אין אונזער לאקאל מיט פריינד לעווין אלס לעהרער, א גרויסער ערפאלג און ווערט גוט באזוכט פון אונזערע מעהר אינטעליגענטערע מיטגליעדער.

א חוץ דעם האט די קאמיטע באשלאסען צו פייערען די ערעפנונג פון סיזאן פון עדיוקיישאנאל טעטיגקייט מיט א גרויסען קאנצערט און מאסמיטינג אין מאנהעטען לייסעאום, 64 איסט 4טע סט. זונטאג נאכמיטאג, דעם 14טען נאוועמ. און לויט ווי די קאמיטע פארזיכערט אונז וועלען אונזערע מעמבערס האבען א פאר שטונדען פון אמת'ן פארגעניגען.

אויך איז די טעטיגקייט פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע ווערט דערמאנט צו ווערען. אויף דער רעקאמענדאציע פון דיזער קאמיטע האט די עקזעקוטיוו באארד באשלאסען אנצופיהרען א גרויסע אגיטאציאנס קאמפיין צווישען אונזערע מעמבערס. פאר דיזען צוועק רופען מיר א צאהל פון שאפ־מיטינגען פון פינישערס, אין אונזער אפיס. מיר וועלען זיך צוזאמענריידען מיט אונזערע מעמבערס וועגען פראגען וועלכע ריהרען אן די פינישערס ספעציעל. די מיטינגען זיינען אונטער'ן אויפזיכט פון מענעדזשער פון לאקאל, און מיר ערווארטען אז אונזערע מעמבערס זאלען זיכער קומען ווען מען וועט זיי רופען. די ארבייט פון אלע אנדערע קאמיטעס איז צופרידענשטעלענד. זיי טוען זייער פליכט מיט וויסענהאפט און אויפריכטיג און פארדינען אנערקענונג.

* * *

מיר ווילען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון מאנכע פון אונזערע מעמבערס וועלכע האבען נאך ניט אויסגעבעסערט זייערע גרינע ביכלאך אויף ווייסע. [illegible] ווען עס איז נאך דא אביסעל ארבייט אין די שעפער וואלט געווען ראטזאם אז אונזערע בעלי־מלאכות זאלען זיך [illegible] מיט זייערע שולדען און ניט [illegible] אויף שפעטער. טוט עס איצט, [illegible] פאר אייער איינענער טובה!

[illegible]

פארשיידענעס אין דער אפערייטארס יוניאן לאס. 1

פון פ. קאטלער

די לאגע אין טרייד האט זיך ניט גע־ענדערט, אלעס איז פארבליבען ביים אל־טען. די איינציגע ענדערונג, וועלכע איז פארגעקומען, איז דאס עס איז געווארען סלאוער אין טרייד, און די מאנופעקטשו־רערס, וועלכע זיינען פון דער נאטור טרא־בעל־מאכער אלע מאל, טרייען צו מאכען אויך יעצט טראבעל. די אלגעמיינע בא־ציהונגען אבער מיט די מאנופעקטשורערס זיינען פארבליבען די זעלבע ווי געווען, נעמליך, „ברוגז". מען רעדט ניט איינער מיט'ן צווייטען. דערפאר אבער זיינען די באציהונגען פון די בעלי־מלאכות צו דער יוניאן געווארען אן אנדערע, נעמליך א נעהנטערע. די בעלי־מלאכות איבער־הויפט פון די אסאסיאיישאן שעפער, קו־מען אפטער אין אפיס, בעראטען זיך אפ־טער און טוען ניט קיין זאך, וואס זאל פריינשלעפען דעם שאפ אין אומנוטיגע טראבעל. אונזערע מעמבערס פארשטע־הען די „גיים" אויסגעצייכענט, זיי ווייסען אז די בעלי־בתים ווילען פראוואצי־רען זיי צו נוצלאזע סטרייקס און זיי פאר־שטעהען ווי אויסצומיידען דעם טראבעל, ווייל זיי ווילען ניט פארשווענדען די כחות אויף גארילע מלחמות, זיי קלייבען די כוחות פאר א גרויסער שלכט און דאס מערקט זיך אין די צאהלונגען פון דעם מיליאן־דאלאר־פאנד. אונזערע מעמבערס צאהלען אפ דעם מיליאן־דאלאר־פאנד פון זייערע לעצטע פארדיענסטען, ווארים זיי פארשטעהען און פיהלען אז דער פאנד מוז זיין קאמפליט בעפאר די מאנופעקט־שורערס וועלען נעהמען אן ענטשיידענע שטעלונג. עס איז דארום נויטיג, דאס יע־דער מעמבער זאל זעהן ווי אם שנעלסטען פון די לעצטע פעי אפצאהלען דעם טעקס, ווייל דער דאלאר אין צייט פון טראבעל איז ווערט פיעל מעהר ווי יעצט.

די היסטאריע פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל. אלעס הענגט אפ פון מזל, אפילו א ספר תורה אין בית המדרש, און דער שפריך־ווארט פאסט זיך זעהר גוט צו צו בר. אברהם ראזענבערג'ס בוך.

ווי אונזערע מעמבערס ווייסען, איז לעצטען יאהר באשלאסען געווארען ארויס־צוגעבען בר. ראזענבערג'ס בוך „די קלאוק מאכער און זייערע יוניאנס", וועל־כעס האט זיך געדרוקט אין די „נייע פאסט" גלייך נאך דעם גענעראל סטרייק פון 1910 אין א בוך־פארם. צוליעב פאר־שידענע אורזאכען און צופעלע, איז דער בוך ניט געדרוקט געווארען ביז יעצט. און עס איז בר. ראזענבערג'ס מזל וואס עס האט זיך גראדע אזוי אויסגעלאזט. גראדע יעצט, ווען די מאנופעקטשורערס ווילען מאכען אן אטאקע אויף אלע יו־ניאנס אין אלגעמיין און אונזער יוניאן איבערהויפט, איז ברודער ראזענבערג'ס בוך ווי געוואונשען, ווייל ברודער ראזענ־בערג אין זיינע עראינערונגען גיט איבער די גאנצע ענטוויקלונג פון דער קלאוקמא־כער יוניאן פון איהר ערשטען טאג אן מיט איבער 30 יאהר צוריק, ביז דעם גרויסען גענעראל סטרייק אין 1910, ווען אונזער יוניאן האט זיך ענדליך ארגאני־זירט און איז פארשטארקט געווארען אין איהר קאמף מיט די מאנופעקטשורערס פאר דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט און צו עקזיסטירען.

דער בוך איז פול מיט ריינעם מאטע־ריאל און איז אן אומערשעפליכער קוואל פון אינפארמאציאן פאר יעדען, וועלכער איז פאראינטערעסירט צו וויסען די ענט־וויקלונג פון די אידישע יוניאנס אין אמעריקא. אויסער דעם, וואס ער האט א באדייטענדע ווערט פאר די, וועלכע ווילען עפעס לערנען, איז ער אויך איני־טערעסאנט לעזענדיג, ווייל ער לעזט זיך ווי א ראמאן, וואו איין פאסירונג איז פארבונדען מיט די צווייטע און פאר די אויגען ווייזען זיך בילדער פון א משך פון 25 יאהר, ווי אויפ'ן לייווענט פון א מאווינג פיקטשור שאו, וואו עס ווערט געצייגט ווי יוניאנס ווערען געבוירען און שטארבען אפ, ווערען ווידער געבוירען און ווייטער אונטערצוגעהן, ביז די גרוי־סע רעוואלוציאן פון 1910, ווען די יוני־אן האט זיך ענדליך עטאבלירט און וועל־כע די בעלי־בתים האבען געטרייעט עט־ליכע מאל צו צוברעכען און עס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען. איבערהויפט איז דעם בוך ווערט צו לעזען יעצט, ווען די בעלי־בתים פרואווען נאך אמאל זייערע כחות צו צוברעכען די יוניאן און וועלען ארויס בשן ועין ווי יעדען אנדער מאל.

דער בוך ווערט יעצט געדרוקט און וועט זיין פארטיג אין א פאר וואכען ארום.

אונזער עקזעקוטיווע האט באשלאסען צו פייערען די ערשיינונג פונ'ם בוך מיט א שיינעם קאנצערט. די צייט, פלאץ און די פראגראם וועלען אנאנסירט ווערען אין צייטען.

א סעריע פון לעקטשורס אין די פאר־שיידענע סעקשאנס.

דעם היינטיגען ווינטער סיזאן האבען מיר, צוזאמען מיט לאקאל 9, ארגאנזשירט א רייהע לעקטשורס מיט קאנצערטען אין די פארשיידענע געגענדען פון שטאדט. די לעקטשורס וועלען געגעבען ווערען פון באוואוסטע פאפולערע לעקטשורערס אויף לעבעדיגע אינטערעסאנטע טעמאס. צו יעדער לעקטשור וועט אויך געגעבען ווע־רען א קאנצערט.

דער סיזאן וועט ערעפענט ווערען מיט א רייכען קאנצערט, וועלכער וועט געגע־בען ווערען פרייטאג, דעם 14טען נאוועמ־בער בייטאג, אין מאנהעטען לייסעאום, 66 4טע סטריט, און נאכהער וועט געגע־בען ווערען א לעקטשור יעדען פרייטאג אבענד אין אן אנדער סעקשאן.

מיר האפען, אז אונזערע מעמבערס וועלען זיך באנוצען מיט דיזער געלעגענ־הייט, ווייל אי זיי וועלען קענען לערנען, אי זיי וועלען קענען פארברייגגען אן אנ־גענעהמען אבענד מיט זייערע פאמיליעס.

טעאטער און אנדערע טיקעטס אויף האלבען פרייז.

אין צוזאמענהאנג מיט אונזערע סע־ריעס פון לעקטשורס און קאנצערטען פאר דעם סיזאן אין די פארשידענע סעקשאנס ווילען מיר אויך אנאנסירען דאס עס איז אונז געלונגען דורך דעם עדיוקיישאנאל־דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשא־נאל צו קריגען טיקעטס פאר אונזערע מעמבערס פאר די פאלגענדע פלעצער:

1) „גארדען" טעאטער, מעדיסאן עוו. און 27טע סט., דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אווענד און שבת און זונטאג מאטינעע.

2) פאר'ן נעשאנאל סימפאני אר־קעסטער אין קארנעגיע האל פאר 10 זונ־טאג אווענד קאנצערטען, און פאר

3) די מעדיסאן סקווער גארדען קאנ־צערטען.

מעמבערס, נוצט אויס די געלעגענ־הייט!

אונזערע שאפ־דעלעגאטען קאנ־פערענצען.

מיר רופען יעצט קאנפערענצען פון די שאפ־טשערלייטע פון לאקאל 1, וועגען זעהר וויכטיגע פראגען.

יעדער טשערמאן זאל ערווארטען צו קריגען אן איינלאדונג דורך א לעטער אין שאפ.

אן אפיעל פאר אן אקטיווען מעמבער.

איינער פון די אקטיווסטע מעמבערס פון אונזער לאקאל, בר. י. מעלצער, וועל־כער איז יאהרען־לאנג געווען אקטיוו אין דער יוניאן, אין דער עקזעקוטיוו באארד, אין די שעפער און אין דעם גענעראל־סטרייק, איז געצוואונגען געווארען אויפ־צוגעבען די ארבייט. מיט דער הילף פון פריינד האט ער געקויפט אן אייז־קרים פארלאר אין 854 סאטער עוו., בראנזוויל. ער אפעלירט צו אלע קלאוקמאכער, וועל־כע וואוינען אין יענעם געגענד צו פאט־ראנייזען דעם פלאץ. מיר האפען אז אונ־זערע מעמבערס, ווי אויך די מעמבערס פון אנדערע לאקאלס וועלען פאטראני־זען זיין פלאץ און דערמיט אויסדריקען אנערקענונג פאר לאנגע יאהרען טעטיג־קייט אין דער יוניאן.

עקזאמינערס און בושלערס יוניאן לאקאל 82

דער פארגאנגענער פאל־סיזאן איז גע־ווען דער ערגסטער, וואס קלאוקמאכער געדענקען פאר יאהרען. די נאכוועהעניש פון דער מלחמה האט גאנץ שטארק אנ־געריהרט אונזער טרייד. שעפער, וואו מען פלעגט אנפאנגען ארבייטען אין מאי און אזוי כסדר אוועקארבייטען ביז קריסטמאס, האבען היינטיגס יאהר מעהר געסטאפט ווי געארבייט.

פאר אזא יוניאן, ווי אונזערע, א נייע, וועלכע האט נאך אזעלכעס פריהער ניט דורכגעמאכט, איז דיזער סיזאן געווען א קריזיס. ווען עס איז ניטא קיין ארבייט, איז נאטירליך דער באס פיעל פרעכער, און עס קומט אויס זעהר אפט צו ליידען און שווייגען. אין צייט פון א קריזיס־סיזאן, איז ניט טאקטיש פאר יעדער קליי־ניגקייט אויפצוהויבען א קאמף. איז אלטע וועטעראנען ווייסען שוין, אבער יונגע רעקרוטען וואס ווייסען נאך ניט, אז א יוניאן האט, ווי א מענש, איהרע שוואכע און געזונטע צייכען און דאס עס זיינען פאראן קרעפטען, וועלכע זיינען מעכטי־גער, ווי די שטארקסטע יוניאן, און אט דיזע קרעפטען און ערשיינונגען באשטי־מען אפט דעם שיקזאל פון א טרייד אדער אינדוסטריע געגען וועלכע די יוניאן קען בשום אופן ניט קעמפען. זיי, די נייע מעמבערס, מיינען אז א יוניאן איז אל־מעכטיג און קען אלעס אויספיהרען און אויסקעמפען צו די צייט איז גוט אדער שלעכט.

צו פיהרען אזא עולם און צו האלטען זיי אין ליין און אין דער זעלבער צייט אויפהאלטען די אפטימיסטישע שטימונג און דער גלויבען אין דער יוניאן איז פיעל שווערער, ווי עס קען זיך מאנכע אויסדרוקען. אבער מיר קאנען מיט שטאלץ זיך באריהמען, דאס אונזער יו־ניאן האט דיזען קריטישען עקזאמען גלענצענד אויסגעהאלטען סיי מאטעריעל, סיי מאראליש.

די בעריכטען פון דעם רעקארד דע־פארטמענט ווייזען, אז אונזער יוניאן האט זיך דעם לעצטען יאהר פארגרעסערט אויף 135 פראצענט. דאס איז, ווען מען רעכענט נאר בלויז די גוטשטעהענדע מעמבערס. אין א יוניאן קאן מען אבער, אין אזא שלעכטע צייט, ניט זיין צו שטרענג. עס זיינען נאך אלעמען פאראן ריקשטעהענדע מעמבערס, וועלכע צאהלען ניט צוליעב שלעכטע אומשטענדען, און דאס מיינט, אז דער סך הכל פון אונזער וואוקס איז פיעל גרעסער, ווי דער אפי־ציעלער רעפארט פון רעקארד דעפארט־מענט.

אונזערע מעמבערס האבען, ווי געהע־ריג, זיך אפגערופען אויף די לעצטע פא־סירונגען אין אונזער טרייד און אויף די האנדלונגען פון די בעלי בתים. די מעמ־בער מיטינגען זיינען זעהר גוט באזוכט, און די דיוס־צאהלונגען האט לעצטע וואך איבערשטיגען אלע רעקארדס. אונזערע מעמבערס פיהלען זיך ווי איין משפחה, ווייסען אלצדינג, וואס ביים צווייטען אין שאפ טוט זיך, און זיי האבען געהאט גע־נוג פאקטען פאר זיך, צו ווערען איבער־צייגט, אז אפילו אין דיזען שלעכטע סי־זאן האט די יוניאן אויסגענוצט יעדע גע־לעגענהייט, וואס האט זיך נאר וואו גע־מאכט אויסצוקעמפען א רייז און בעסערע קאנדישאנס אין אלגעמיין.

קומענדען דיענסטאג וועלען אלע אר־בייטער, וואס זיינען בירגער, געהן צום שטימקאסטען און ערוועהלען די, וואס וועלען אונז רעגירען פאר די קומענדע יאהרען. אלס יוניאן־לייט, ד. ה. אלס אזעלכע וואס האבען זיך אבגעטיילט פון די בעלי בתים און געגרינדעט א יוניאן כדי געגען זיי צו קעמפען, וועט איהר גע־וויס פארשטעהן, אז ניט נאר זייט איהר עקאנאמיש א באזונדער קלאס, נאר אויך פאליטיש. אז רעגירערנדיג קען קיינער ניט פארטרעטען אייערע און די בעלי בתים'ס אינטערעסען אין איין און דער־זעלבער צייט. איהר דארפט דרום שטי־מען פאר די קאנדידאטען, וועלכע האבען אייך געלערענט און געהאלפען צו קעמפען פאר א בעסערען מארגען, און וועלכע פארפליכטען זיך צו קעמפען פאליטיש, אז איהר זאלט באקומען די פולע פרוכט פון אייער ארבייט.

שטימט פאר די קאנדידאטען פון דער סאציאליסטישער פארטיי, די איינציגע פאליטישע פארטיי, וואס קעמפט פאר די פאלשטענדיגע עקאנאמישע באפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאס!

מ. י. אשפיז, מענעדזשער.

דער מאגען?

עקס-לאקס!

דזשאדזש איראן דזש. ליוויי מוז קומען אין קאורט זיך פארענטפערן

(שלוס פון זייט 1).

אייגענטליך שווער צו באשטימען וואס ער איז מעהר, א ריכטער צי א שניידער־באס.

צווייטענס, ווערט ער אנגעקלאגט, דאס ער האט זיך אויף א ניט געזעצלי־כען אופן אריינגעמישט אין קייסעס פון „סיטי מעדזשיסטרייטס" קאורט און האט דארט געברויכט זיין איינפלוס גע־גען די באאמטע פון דער ליידיס טיילארס יוניאן.

און ועל כולם ווערט ער אנגעקלאגט:

1. דאס ער האט ניט געוואוינט אין זיין מיוניסיפאל קאורט דיסטריקט, דורך דער צייט פון זיין טערמין, וואס ער איז אין אפיס.

2. דאס ער האט אומגעזעצליך זיך רעדזשיסטרירט אלס וואוטער.

3. דאס ער האט געוואוט אומגע־זעצליך אין א דיסטריקט, וואו ער האט ניט געוואוינט.

דיעזע קלאגען זיינען מיט א צייט צו־ריק פארגעבראכט געווארען אין אפעלייט דיוויזשאן קאורט. די פארטיידיגונג פון דזשאדזש ליוויי האט גע'טענה'ט, אז דער געריכט האט קיין רעכט ניט צו משפט'ען ענינים, וואס זיינען שייך צו א דזשאדזש פון א מיוניסיפאל קאורט; זיי האבען גע'טענה'ט, דאס מיט די קלאגען דארף די אינטערנעשאנאל זיך ווענדען צום סע־נאט פון ניו יארק סטייט. די ריכטער פון יענעם קאורט האבען אבער גע־טענה'ט, אז דער קאורט האט יא א רעכט צו משפט'ן אזעלכע ענינים, און דזשאדזש ליוויי האט אפעלירט צום סופרים קאורט פון ניו יארק סטייט.

לעצטען פרייטאג, דעם 22טען אקטא־בער, האט דער סופרים קאורט ארויסגע־געבען זיין ענטשיידונג אין דער פראגע. די ענטשיידונג איז, דאס דער אפעלייט דיוויזשאן קאו"ט האט יע א רעכט אויפ־צונעהמען אזא ענין צום משפט'ען, און אין גיכען וועט זיך מסתמא אנהויבען דער פראצעס, וועלכער וועט דזשאדזש ליוויי'ן געווים ניט פארשאפען קיין כבוד. די קלאגען געגען איהם זיינען פון א גאנץ ערנסטען כאראקטער און ער וועט מוזען קומען אין געריכט ענטפערען אויף זיי.

די ענטשיידונג פון סופרים קאורט איז, אלזא, א זיעג פאר אונזער אינטער־נעשאנאל און א נידערלאגע פאר דזשאדזש איראן דזש. ליוויי.

דער סכסוך מיט דער דרעס מנופעקטשורערס אסס'ן.

(שלוס פון זייט 1).

שען אייער אסס'ן און דער יוניאן, אין באצוג דער עטאבלירונג פון א מינימום־סקייל און ווייזשעס.

אייער אפזאגען איבערצוגעבען דעם דיספיוט צו ארביטריישאן איז אן אפע־נער ברוך פון דעם אגרימענט, וואס אייער אסס'ן האט געשלאסען מיט אונזער טשילדרענס דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 50, וועלכער שרייבט פאר, דאס יעדער דיספיוט אין טרייד זאל ארביטרירט ווע־רען. אייער אויסרעדע, אז דאס איז ניט אזא זאך וואס זאל ענטשיידען ווערען פון פרעמדע", איז ניט אין פלאץ, ווייל לויט דעם אגרימענט האט איהר גיט אזא רעכט צו ענטשיידען וואס מען קען יא ארבי־טרירען און וואס ניט.

מיר ערקלעהרען אייך ווידער א מאל, דאס מיר זיינען גרייט אנצוגעהן מיט אונ־זערע קאנפערענצען וועגען דער עטאבלי־רונג פון מינימום וויידזש־סקיילס אין דער אינדוסטריע, און מיר זיינען צופריעדען מיט אייך צו דיסקוטירען אירגענד וועל־כע זייט פון דער פראגע, וואס זאל פיה־רען צו רעכט און יושר פאר ביידע צדדים.

מיר ווילען אייך אויפמערקזאם מא־כען, דאס מיר האבען שוין פאקטיש עטאבלירט מינימום וויידזש סקיילס אין כמעט אלע ברענטשעס פון דער ליידיעס גארמענט אינדוסטריע אין שטאדט, און דאס דיעזע מינימום סקיילס זיינען נא־טירליכערווייזע באזירט געווארען אויף דער פראדוקטיוויטעט פונ'ם דורכשניט־ליכען ארבייטער.

מיר זיינען אויסדריקליך געגען דער אויסשטרייכונג פון אירגענד וועלכען פא־ראגראף פון דעם אגרימענט, וואס עק־זיסטירט צווישען אונזער יוניאן און אייער אסאסיאיישאן און מיר וועלען דעם אגרימענט באטראכטען אלס גאנץ און אין פאלשטענדיגער קראפט ביז עס וועט זיך ענדיגען זיין באשטימטער טערמין. מיר ערווארטען פון אייך די זעלבע באציהונג צו דעם אגרימענט און צו יעדען פארא־גראף פון דעם אגרימענט.

ערגעבענסט אייער,
אב. באראף,
גענעראל סעקרעטער־טרעזשורער
א. ל. ג. וו. י.

וועט זיך די טשילדרענס דרעס אסס'ן באווזען און איינוויליגען אויפצונעהמען די פראגע אויף א קאנפערענץ? דאס בלייבט נאך איבער צו זעהן.

קאלעקשאנס אין די קלאוק שעפער פאר דעם לאנדאן־הילקוויט־דעבס קאמפיין.

(פארבליבען פון לעצטער וואך).

קאלעקטעד ביי לאקאל 1. דזש. ראזענטאל, משערמאן; קאמיטע: מאפעל און בארענסקי — 11.00
פון די ארבייטער פון ראזענבערג און גלאווינסקי. דזש. סמארקער, משערמאן — — — — 10.00
פון די ארבייטער פון ראזענטאל און סעטעלמאן, 119 וו. 23טע סט. אבר. ראטשטיין, משערמאן; קאמיטע—עפשטיין — 9.25
פון די ארבייטער פון דזש. מ. ראפפער, 23 א. 20טע סטריט. פ. פייגבלאט, משערמאן; קאמיטע: גרין און קאנטראוויץ 11.00
פון די ארבייטער פון ב. שוויכגער, 15 א. 26טע סט. — — 2.00
פון די ארבייטער פון משעמפיאן דרעס קא., 369 8טע עווע. — 6.00
פון די ארבייטער פון דזש. האדעס, 19 פארק סט. נ. דזש. רזש. לעסער, משערמאן — — — — 11.25
פון די ארבייטער פון ה. פלארין, 163 7טע עוועניו. י. באטקאווסקי, משערמאן — — — — 5.75
פון די ארבייטער פון ליבערטי קלאוק קא., פון סעם גארדען — 1.00
פון די ארבייטער פון ס. ליטמאן, 145 וו. 28טע סט. ס. שולמאן, משערמאן — — — — — — 13.00
פון די ארבייטער פון קירשנער און מיכאעלס, 28 וו. 19טע סטריט. מאקס לעווין, משערמאן; קאמיטע: דייווידסאן און ראבינאוויטש — — — — — 21.00
פון די ארבייטער פון א. קאמץ און קא., 22 וו. 21טע סט. — — — 60.00
פון די ארבייטער פון ח. גאלד און קא., 144 וו. 27טע סט. ס. ראזענסאן, משערמאן — — — 23.50
פון די ארבייטער פון קליינמאן און קא., 643 6טע עוועניו. סאמאזווי, משערמאן — — — — 13.00
פון די ארבייטער פון סאמועל אווידאן, 153 וו. 15טע סטריט. אווערבאך, משערמאן — — — 25.00
פון די ארבייטער פון הארוויץ און קאליש, 39 וו. 19טע סט. סעם קאראסיק, משערמאן — — — 20.75
פון די ארבייטער פון וועקסלער און ביינדער, 138 וו. 17טע סט. ס. גארדען, משערמאן. פירמע—$10.00, ארבייטער—$26.52 — 36.52
פון די ארבייטער פון משאס. לעפקאוו, 138 וו. 22טע סט. פ. תומנער, משערמאן — — — 22.00
פון די ארבייטער פון מאריס קאממאן, 185 6טע עווע. לעאן שפערבער, משערמאן. פירמע—$3.00, ארבייטער — $9.50 — 12.50
פון די ארבייטער פון ארקאוו קא., 24 וו. 30טע סט. פ. קאטריקאלא, משערמאן — — — 14.50
פון די ארבייטער פון ס. פריעדבערג, 14 א. 13טע סט. דזשייק ראזענבלום, משערמאן — — 12.00
פון די ארבייטער פון גאלדבערג און רובין, 128 וו. 21טע סט. נ. פאגעלמאן, משערמאן; קאמיטע: רובין און ניומאן. פירמע $3.00, ארבייטער $12.50 15.50
פון די ארבייטער פון גראבער און וואלף, 118 וו. 22טע סטריט. מאקס גרין, משערמאן; קאמיטע — ת. קאופמאן — — 7.50
פון די ארבייטער פון אטלאנטיק סקוירט קא., 52 וו. 21טע סט. ב. זייטץ, משערמאן; קאמיטע — ח. בראון — — — — 6.00
פון די ארבייטער פון ב. און ע. אלפער, 48 וו. 21טע סט. קאמיטע — מאקס ראזענבוים. פירמע — $5.00 — 13.00
פון די ארבייטער פון ר. און ג. דרעס קא., 9 וו. 20טע סט. א. איגנאטצינסקי, משערמאן — — 16.50
פון די ארבייטער פון י. צימערמאן, 39 וו. 32טע סט. דייוויד מיטעל, משערמאן — — — 10.00
פון די ארבייטער פון גאטעריך און מירסקין, 130 וו. 28טע סט. ב. לייבאוויץ, משערמאן — — — 10.00
פון די ארבייטער פון ל. ק. ל. דרעס קא., 39 וו. 21טע סט. ד. גורבערמאן, משערמאן — — — 5.00
פון די ארבייטער פון מענענבאום און קרושעל, 14 וו. 17טע סט. סעם קאסס, משערמאן — — — 14.00
פון די ארבייטער פון שולמאן בראס., 408 6טע עוועניו. י. מענדעלאוויץ, משערמאן; קאמיטע: חאלפערן און ראנד. פירמע $2.00, ארבייטער $4.50 6.50
פון די ארבייטער פון ריטש דרעס קא., 159 וו. 27טע סט. ז. קאבעווסקי, משערמאן — — 10.50
פון די ארבייטער פון לואיס בירבער, 22 וו. [illegible] סט. ח. [illegible] משערמאן; קא[illegible]

פון די ארבייטער פון א. גראף, 27 וו. 24טע סט. ס. גראסנער, משערמאן. פירמע $2.00 — 23.00
פון די ארבייטער פון זוויבעל און מעי, 99 4טע עוועניו. מ. גאלדמאן, משערמאן — — — 11.50
פון די ארבייטער פון דאמבראו און גארדען, 34 וו. 22טע סט. ח. ווילענבערג, משערמאן; קאמיטע: מעלצער, זירלין און סילווערמאן — — — 9.75
פון די ארבייטער פון הינדעס און גראסס, 15 א. 26טע סט. מ. גאלדמאן, משערמאן; קאמיטע: גאלאב, ראונער און סילווער — 27.00
פון די ארבייטער פון ד. יעגער, 393 4טע עוועניו. ראבלין, משערמאן — — — 10.00
פון די ארבייטער פון סמיגעל און זיפפער, 65 וו. 22טע סט. א. קאהען, משערמאן — — — 10.00
פון די ארבייטער פון דאנענבערג און קאנאוויץ, 148 וו. 24טע סט. ת. גראסאווסקי, משערמאן — 12.50
פון די ארבייטער פון בארנעט לעווין, 142 וו. 24טע סטריט. מ. קראמער, משערמאן — — — 7.80
פון די ארבייטער פון סאמועל וועקסלער, 149 וו. 24טע סטריט. מ. דייטש, משערמאן — — — 40.75
פון די ארבייטע גייאנט קלאוק קא., 152 וו. 25טע סט. ס. פאפאני, משערמאן — — — — 20.25
פון די ארבייטער פון דזש. מ. בענדער, 107 וו. 25טע סט. א. חאראוויץ, משערמאן — — — 13.00
פון די ארבייטער פון א. קאראסמאף, 40 וו. 19טע סט. ב. קאהען, משערמאן — — — 11.50
פון די ארבייטער פון גרינבערג און קא., 142 וו. 29טע סט. מ. קראל, משערמאן; קאמיטע — ריבניק — — — 10.00
פון די ארבייטער פון העלער און האלצבערג, 35 א. 10טע סט. ת. קאלינס, משערמאן. פירמע $5.00 24.50
פון די ארבייטער פון דייוויד קריסטאל, 11 א. 26טע סט. מ. גורא, משערמאן — — — 7.00
פון די ארבייטער פון ל. נ. רייך, 36 וו. 35טע סט. דזשייקאב איזאקס, משערמאן; קאמיטע; הארוויץ און קאהען — — 25.00
פון די ארבייטער פון פיינבערג און מאקאווסקי, 13 וו. 28טע סט. ס. פאקס, משערמאן — — — 12.25
פון די ארבייטער פון ראטהבאום און דווארעצקי, 9 וו. 20טע סט. מארשינסקי, משערמאן — — 13.10
פון די ארבייטער פון ק. און ת. דרעס קא., 44 א. 7טע סט. דזש. וואלף, משערמאן — — — 11.50
פון די ארבייטער פון ה. גודמאן, 141 וו. 26טע סט. האזמאן, משערמאן. פירמע $5.00 — — 25.00
פון די ארבייטער פון קארפ, ראטה און לאהרען, 12 א. 32טע סט. א. מוזיקאנט, משערמאן — — 14.00
פון די ארבייטער פון גאלדמאן באמארי, 25 וו. 15טע סטריט. ב. דרעסלין, משערמאן — — — 9.00
פון די ארבייטער פון קריסטאל, הוימאן און בארענשטיין, 15 וו. 28טע סט. ח. קאפלאן, משערמאן — — — 15.00
פון די ארבייטער פון ראגאף בראס., 10 וו. 19טע סט. איס. קאנטראוויץ, משערמאן — — — 23.00
פון די ארבייטער פון ליפשיץ בראס., 40 וו. 17טע סטריט. דזשייקאב עייזענבערג, משערמאן; קאמיטע: עפשטיין און פלושיק — — — 16.00
פון די ארבייטער פון קאנטאר און שווארץ, 147 וו. 26טע סטריט. מ. מייערס, משערמאן — — — 15.50
פון די ארבייטער פון אקורייט קלאוק קא., 152 וו. 18טע סט. פ. שוואטצק, משערמאן — — 20.00
פון די ארבייטער פון גאלדבערג בראס., 31 וו. 15טע סט. מאריס בראטמאן, משערמאן; קאמיטע: וועבער, ראטענדלער און וואלף 47.00
פון די ארבייטער פון מייטעל און פערבער, 57 וו. 16טע סטריט. רובין שניידער, משערמאן — 16.00
פון די ארבייטער פון מיללער, סווירסאן און גאלדשטיין. פאגעל, משערמאן — — — 8.50
פון די ארבייטער פון גלאזנער און לעהרער, 12 וו. 17טע סט. גאלד, משערמאן. פירמע $5.00 — 17.00
פון די ארבייטער פון גארדען און לייאנס, 127 וו. 26טע סט. ל. וויינשטיין, משערמאן — — 13.00
פון די ארבייטער פון פויגעל און אליניקאף, 119 וו. 14טע סט. ק. גימלאוויץ, משערמאן; קאמיטע: שאפערן און קרעז. פירמע $5.00 — — — — 26.00

פון די ארבייטער פון האליגגער און ליוויי, 21 א. 17טע סט. ס. גארדין, משערמאן; קאמיטע: וועבער, קאפלאן און לאנגמאן. פירמע $3.00 — — — — 15.00
פון די ארבייטער פון מילער און אלפערט, 348 א. 28טע סט. מ. גראבער, משערמאן; קאמיטע: וויינס, וויינשטיין און ערליכמאן. פירמע $10.00 — — — 28.25
פון די ארבייטער פון רובין און שאפירא, 63 וו. 14טע סט. דזש. פיינשטיין, משערמאן — — 15.00
פון די ארבייטער פון קליפער און קאראסטאף, 144 וו. 27טע סט. א. גיועגי, משערמאן; קאמיטע: מייערס און ווייס — 33.00
פון די ארבייטער פון פאוסט און גינזבערג, 9 וו. 29טע סט. ק. גאלדשטיין, משערמאן — — 4.35
פון די ארבייטער פון הארקאווי און גאלדמאן, 65 4טע עווע. פ. אורעטצקי. משערמאן — — 8.75
פון די ארבייטער פון האנגער און שולמאן, 153 וו. 15טע סטריט. מענענבאום, משערמאן — — 10.00
פון די ארבייטער פון שאף און מאנדעל, 133 וו. 37טע סט. לויאיס בערגער, משערמאן — — 66.00
פון די ארבייטער פון מאקס גאלדשטיין, 2202 מירטיל עווע. — 11.50
פון די ארבייטער פון הוימאן און ביינדער, 138 וו. 25טע סט. י. שיף, משערמאן; קאמיטע: ווערסט, משארני און בעקער. פירמע $5.00 — — — — 58.00
פון די ארבייטער פון מוטשואל דרעס קא., 8 א. 12טע סט. י. קאגעל, משערמאן — — — — 8.50
פון די ארבייטער פון מ. ל. שווארץ, 152 וו. 25טע סט. קאמיטע: הארי זעיד און זשאס. מעסען 10.50
פון די ארבייטער פון סוטין בראס., 11 וו. 20 טע סט. ת. גוראלסקי, משערמאן — — — 15.00
פון די ארבייטער פון קליינמאן און וויינשטיין, 25 א. 10טע סטריט. ת. סמאלין, משערמאן; קאמיטע: שאפירא און מיטלדארף. פירמע $5.00 — — — — 16.50
פון די ארבייטער פון ארלאו און וואלאוויץ, 26 וו. 17טע סטריט. איס. קליין, משערמאן — — 5.75
פון די ארבייטער פון י. העלער, 41 וו. 17טע סט. נ. לאנדע, משערמאן. פירמע $2.00 — 14.00
פון די ארבייטער פון ווארמת ק. און ס. קא., 3 וו. 14טע סטריט. וו. קליין, משערמאן — — 5.00

טאטאל קאלעקטעד דיזע וואך און פון לעצטער וואך — — — $3145.57
פון פריתער — — — — — 970.46

טאטאל קאלעקשאנס — — — $4116.03
פיליפ קאפלאוויץ, טרעזשורער.

מיר האבען נאך א סך קאלעקשאנס פון די קלאוק שעפער צו פארעפענטליכען. זיי קאנען אבער ניט אריינגעהן מיט א מאל, אויס מאנגעל אין פלאץ. די ווייטערע קוויטירונגען קומען נעקסטע וואך.

ר ע ד א ק צ י א ן.

מאן בעט זיך מען זאל איהם ארויסנעהמען צוויי געזונטע צייהנער

ווען קומען מענשען אין יוניאן דענטאל קליניק צו געוועהנליך ווען זיי טוט וועה די צייהנער. דאן קומען זיי דער דאקטאר זאל באטראכטען זייערע צייהנער און סטאפען דעם וועהטאג. עס פאסירט אבער מאנכעס מאל אז, דער פאציענט אליין איז א האלבער דענטיסט, און דאן... נאר הערט בעסער ווייטער.

אנומעלט קימט אריין א יונגערמאן און זאגט: „דאקטאר, זייט אזוי גוט און נעהמט מיר ארויס אט די צוויי לעצטע צייהנער".

דער דאקטאר האט באטראכט די צייהנער און געפונען אז זיי זיינען געזונט. האט ער א פרעג געטאן דעם יונגענמאן: וואס עפעס ווילט איהר ארויסנעהמען די צייהנער? — „פארשטעהט איהר מיך", זאגט דער יונגערמאן, „איך לייד פון רומאטיזם און איך האב געהערט פון מיינעם א באקאנטען, אז א דענטיסטען, וועלכע צוליעב זייערע פאר די לעצטע צייהנער איז א גוטער מיטעל צו דעם".

דער דאקטאר האט זיך ענטזאגט ארויסצונעהמען די צייהנער און ערקלערט דעם יונגענמאן, אז ער זאל זיך נים לאזען איינרעדען אזעלכע נארישקייטען. אמת, צייהנער קענען מאנכעס מאל פאראורזאכען פארשיעדענע קראנקהייטען און דערפאר מוז מען די צייהנער היטען. מען דארף אבער דאס נים איבערטרייבען. עס געפינען זיך לידער־דענטיסטען, וועלכע צוליעב זייערע פאר [illegible] צייהנער, אנשטאפען אייך א מויל מיט גאלד אבי נאר מאכען געלד.

עס איז די אויפגאבע פון יוניאן דענטאל קליניק צו ערקלערען צו די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל די וויכטיגקייט פון צו האלטען די צייהנער אין בעססער ארדנונג, צו ערקלעהרען די אורזאכען וועלכע ביהרען צו שלעכטע צייהנער און עהנליכעס. מיר מוזען אבער אויך ווארנען די מעמבערס נעגען הערען אליין „האלבע דענטיסטען". [illegible] וויסען איז אמאל ערגער ווי גאר ניט וויסען.

דער יוניאן דענטאל קליניק געפינט זיך אין 31 יוניאן סקווער. דער אריינגאנג איז 23 איסט 16טע סט.

דער יוניאן דענטאל קליניק [illegible] אויפגעהאלטען און פארוואלטעט [illegible] לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל [illegible]

די מערקווירדיגע ארבייט פון דער קלאוק מאכער קאמפיין קאמיטע

(שלוס פון זייט 1).

געווארען איבער צעהן טויזענד דאלאר פאר דעם לאנדאן־הילקוויט־דעבס קאמפיין, און דאס איז דער בעסטער באווייז אז די מאסען קלאוקמאכער סופארטען די ארבייט פון זייער קעמפיין־קאמיטע מיט'ן גאנצען הארצען. זאל, אלזא, דיזע ארבייט געטאן ווערען ביז דער לעצטער מינוט, אין אלע ווינקעלער וואו ארבייט דארף געטאן ווערען. און עס איז נאך דא צו טאן א סך ארבייט, און נויטיגע, וויכטיגע ארבייט, ארבייט וואס דארף מאכען קאמפליט דעם גאנצען ערפאלג.

איצט איז זעהר נויטיג א סך מענשען פאר קענוועסע'ס דיזען זונטאג, און פאר „וואטשערס", היינטער, נעקסטען דינסטאג, אין עלעקשאן טאג. זאלען די קלאוקמאכער און אויך די מיטגלידער פון די אנדערע אינטערנעשאנאל לאקאלס קומען דעם זונטאג 9 אזייגער אין דער פריה אין קלינטאן האל, 151 קלינטאן סטריט, און זיך פרעגען אויף מעטץ, קאפלאוויטש אדער בראסלאו, און זיי וועלען אייך אנווייזען וואו ארויסצוגעהן קענוועסען. דאס זעלביגע אויך אין הארלעם, אין הילקוויט'ס דיסטריקט. אין הארלעם איז דער אפיס פון דער קעמפיין קאמיטע אין 62 איסט 106טע סטריט. זאלען וואס מעהר מענשען זיך אפרופען און קומען טאן די ארבייט.

דאס צווייטע וואס דארף נאך געטאן ווערען, איז וואטשען די שטימען אין טאג פון עלעקשאן, די פאליטישענס פון דער דעמאקראטישער און רעפובליקאנער פארטיי זאלען זיי ניט צו'גנב'ענען, ווי זיי האבען שוין ניט איין מאל באוויזען, אז זיי קענען דאס טאן, אז אויף דער מלאכה זיינען זיי גאר גרויסע בריות. מען דארף, אלזא, האבען וואס מעהר מענשען אויף יענער חברה אויפצופאסען, זיי צו קוקען אויף די פינגער, און זאלען וואס מעהר מענשען קומען זיך איינשרייבען צו טאן דיזע ארבייט, צו זיין וואטשערס אין טאג פון עלעקשאן.

מיר האלטען פאר איבעריג צו דערמאנען דא אונזערע לעזער צו שטימען פאר די סאציאליסטישע קאנדידאטען. מיר זיינען זיכער אז דאס וועלען זיי שוין טאן אליין.

דער גרויסער „רעלי" דעם שבת אווענט.

די קלאוקמאכער קעמפיין קאמיטע פלאנעוועט פאר דעם שבת אווענט א גרויסע „רעלי" אין 12טען דיסטריקט, וואס וועט געווים אויפשטורמען דעם גאנצען קווארטאל. צעהנדליגער אויטאמאביל־טראקס וועלען ארומפאהרען מיט פייערווערק איבער די גאסען, מיט פארשיידענע צוציהענדע אדווערטייזמענטס פאר'ן קעמפיין, פאר דער ערוועהלונג פון גענאסע מאיר לאנדאן. און דאס זעלביגע וועט אויך געטאן ווערען אין הארלעם, אין הילקוויט'ס 20טען קאנגרעשאנאל דיסטריקט.

מיט איין ווארט, אלע אנשטרענגונגען ווערען געמאכט, דאס לאנדאן און הילקוויט זאלען נעקסטען טערמין זיצען אין קאנגרעס און — זיי וועלען דארט זיצען!

א ווארט צו די טשערלייט פון די קלאוק שעפער.

די טשערלייט פון די קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער ווערען באזונדערס אויפגעפאדערט גלייך צו ברענגען אין אפיס פון דער יוניאן די ליסטען מיט די נעזאמעלטע געלדער פאר'ן קאמפיין, און די געלדער וועלען גלייך קוויטירט ווערען אין דער „גערעכטיגקייט".

זאל זיך קיינער ניט ארומטראגען מיט דיזען געלט, ברייננט עס באלד אין אפיס פון דער יוניאן.

רייזע באַשרייבונגען און איינדריקע

פון וויס-פּרעזידענט ס. לעפקאָוויטש

1.

איך בין אָפּגעפאָהרען פון ניו יאָרק מיט דער שיף „אָלימפּיק", אלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס פון די קליידער-ארבייטער, נאָך קאָפּענהאַגען, דענמאַרק, דעם 4טען אויגוסט, 1920. ווען די שיף האָט פאַרלאָזען דעם פּלאַץ, וואו עס זיינען שטעהן געבליבען מיין באַליעבטע פאַמיליע און אלע גוטע פריינד, בין איך אריינגעפאַלען אין א שלעכטער שטימונג.

דאָס פאָהר'ען איבער'ן ים איז ניט געווען עפּעס באַזאָנדערעס. איך בין קראַנק געווען די גאַנצע צייט און בין זעהר צופרידען געווען ווען מיר זיינען דעם 11טען אויגוסט אָנגעקומען אין שערבורג, פראַנקרייך.

פון אָנפאַנג האָבען מיר גערעכענט צו פאָהרען אין לאָנדאָן און פון דאָרט נאָך קאָפּענהאַגען. אָבער ברודער שלאָסבערג, דער דעלעגאַט פון דער אַמאַלגאַמייטעד, האָט פאַר ענגלאַנד קיין פּאַספּאָרט ניט געהאַט, האָבען מיר באַשלאָסען צוליעב איהם צו פאָהרען גלייך נאָך פראַנקרייך און פון דאָרט נאָך קאָפּענהאַגען. דעם נעקסטען טאָג, דעם 12טען, זיינען מיר אָפּגעפאָהרען נאָך קאָפּענהאַגען. מיר זיינען געפאָהרען דורך בעלגיום און אויפצומאָרגענס זיינען מיר אָנגעקומען אין קעלן, די דייטשע פּראָווינץ, וואָס די עליים האַלטען אונטער זייער שוץ. ווען די טריין איז צוגעפאָהרען צום וואַגזאַל זיינען געווען אויסגעשטעלט בעלגישע און פראַנצויזישע סאָלדאַטען, הפּנים אלע זאָלען וויסען אז דער פּלאַץ איז אונטער'ן אויפזיכט פון די עליים.

די ערשטע שטיקעל אינפאָרמאַציע וועגען דעם דאָרטיגען צושטאַנד האָבען מיר באַקומען פון א פּאָרטער, וועלכער איז גראַד געווען א סאָציאַליסט און איז געווען א סאָלדאַט אין צייט פון קריעג. ווי ער האָט אונז דערצעהלט, זיינען די ארבייטער פון יענעם געגענד שטאַרק פאַרביטערט געגען די פריהערדיגע הערשער פון דייטשלאַנד, און דאָס זיי זיינען זעהר צופרידען וואָס זיי זיינען פון זיי פּטור געוואָרען. ער האָט אויך געזאָגט, דאָס די עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע לאַגע דאָרטען, ווי אין גאַנץ דייטשלאַנד, איז אזוי שלעכט, דאָס „ווי דער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד איז שלעכט וואָלטען זיי שוין בעסער וועלען האָבען באָלשעוויזם. דאָס — זאָגט ער — וואָלט אפשר בעסער געמאַכט די לאַגע. דאָס ברויט וואָס מען עסט דאָרט איז שוואַרץ ווי ערד און האָט קיין שום טעם ניט. אָבער אפילו דעם ברויט קען מען אויך ניט באַקומען אָהן א „ברויט-קאַרד".

דעם זעלבען אָווענד זיינען מיר אָנגעקומען אין האַמבורג, און דאָרטען האָבען מיר געפונען די אומשטענדען צו זיין פונקט אזוי שלעכט ווי אין קעלען. אין האָטעל, וואו מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט, איז ניט געווען צו באַקומען קיין מילך, פּוטער אָדער צוקער. עס איז אפילו ניט געווען קיין זייף זיך אָרומצוואַשען.

שבת, דעם 14טען אויגוסט, זיינען מיר אָנגעקומען אין קאָפּענהאַגען. א קאָמיטע פון די דאָרטיגע יוניאָנס האָבען אונז אָפּגעוואַרט און געהאָלפען אונז באַקומען א פּלאַץ, וואו זיך אָפּצושטעלען. כאַראַקטעריסטיש איז, דאָס אויך אין דענמאַרק מוז מען זיך באַזאָרגען מיט א „ברויט-קאַרטע", גלייך ווי מען קומט אָן. כאָטש דאָס לאַנד איז אין דער מלחמה ניט געווען אריינגעצויגען, איז דאָרט אויך קיין ברויט ניטאָ. די אורזאַכע איז די בלאָקאַדע געגען רוסלאַנד. פאַר דער מלחמה פלעגט דענמאַרק באַקומען קאָרן פון רוסלאַנד; איצט דאַרפען זיי דאָס קריגען פון אַמעריקאַ און אַנדערע לענדער, און דער יקרות אויף ברויט איז גאַנץ גרויס.

* * *

מיט די פאַרהאַנדלונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס זיינען די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" שוין באַקאַנט פון דעם רעפּאָרט, וואָס איז געווען געדרוקט פון פּרעזידענט שלעזינגער. איך וויל בלויז צוגעבען, דאָס אויף מיינעם א פאָרשלאַג האָט דער קאָנגרעס צוגעזעצט צום עקזעקוטיוו באָאַרד צוויי מיטגליעדער, איינעם פון אַמעריקאַ און א צווייטען פאַר די סלאַווישע לענדער. לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון די קליידער ארבייטער, איז דער עקזעקוטיוו באָאַרד באַשטאַנען פון פינף מיטגלידער: איינער פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, איינער פון די דייטש-שפּרעכענדע לענדער, איינער פון די לאַטייניש פעלקער, און איינער פון די ענגליש-רעדענדע. דער סעקרעטער פון דיזער פעדעראַציע איז געווען דער פינפטער. איצט, אלזאָ, וועט דער עקזעקוטיוו באָאַרד באַשטעהן פון זיבען מיטגלידער, שוין צוזאַמען מיט'ן סעקרעטער. איך האָב, נאַטירליך, גענומען אן אקטיווען טייל אין די אלע פּראָגען, וואָס זיינען דאָרט אויפגענומען געוואָרען, ווייל נאַטירליכערווייזע פאַרשטעה איך די מעהרסטע פון די שפּראַכען, וואָס מען האָט דאָרט גערעדט. צום שלוס פון קאָנגרעס האָט סעקרעטער וואַן-דער-פייג מיר באַדאַנקט אין נאָמען פון קאָנגרעס פאַר דער הילף, וואָס איך האָב געגעבען אין איבערזעצען די רעדען, וואָס זיינען דאָרט געהאַלטען געוואָרען פון איין שפּראַך אין א צווייטער.

דעם 20טען אויגוסט האָב איך פאַרלאָזען קאָפּענהאַגען, צוזאַמען מיט ברודער שמיטקע, דער דעלעגאַט פון עסטרייך. צוויי טעג האָבען מיר פאַרבראַכט אין בערלין, דייטשלאַנד. מיר האָבען באַזוכט די יוניאָן אָפּיסעס פון די קליידער ארבייטער יוניאָנס און באַטראַכט די ארבייטס באַדינגונגען אין דייטשלאַנד. דער עולם זעהט אויס פאַרהונגערט, מען קען דאָס ארונטערלייענען פון די פּנים'ער פון די מאַסען. עס איז א פאַקט, דאָס די קינדער פון די אָרימע (און די ארבייטער זיינען צווישען די אָרימע), האָבען זייט די לעצטע פיער יאָהר קיין טראָפּען מילך ניט פאַרזוכט. עס איז אויך ניט צו באַקומען פּוטער אָדער אייער. פון צוקער איז שוין גאָר אָפּגערעדט, דאָס איז גאָר ניט צו באַקומען פאַר קיין געלד. דאָס ברויט איז שוואַרץ און מען מוז אויך א קאַרטע פון דער פּאָליציי האָבען דאָס צו באַקומען.

די ארבייטס-באַדינגונגען פון די שניידער-ארבייטער, ווי ווייט איך האָב אויסגעפונען, זיינען ווי פאָלגט:

דער „באַקליידונג ארבייטער פאַרבאַנד" האָט א מיטגליעדערשאַפט פון 175,000. די לאָקאַל יוניאָנס זיינען פאַרשפּרייט אין 185 שטעדט. די פאַרדיענסטען זיינען איינגעטיילט אין זעקס קלאַסען. דער געצאָהלט רעכענט זיך דאָרט פּער שטונדע.

אין 22 ערשטע קלאַסע שטעדט פאַרדיענען:

מענער שניידער — פון 3 מאַרק 70 פעניג ביז זעקס מאַרק, א שטונדע.

אַלטערייישאַן ארבייטער — פון 3 מאַרק 60 פעניג ביז 6 מאַרק.

ליידיס טיילאָרס — פון 4 מאַרק 50 פעניג ביז 6 מאַרק.

אין 32 צווייטע קלאַסע שטעדט:

מענער שניידער — פון 3 מאַרק 40 פעניג, ביז 5 מאַרק 8 פעניג א שטונדע.

אַלטערייישאַן שניידער — פון 3 מאַרק 40 פעניג ביז 5 מאַרק 50 פעניג.

ליידיס טיילאָרס — פון 3 מאַרק 70 פעניג ביז 6 מאַרק.

אין 53 דריטע קלאַסע שטעדט:

מענער שניידער — פון 3 מאַרק ביז 5 מאַרק 50 פעניג.

אַלטערייישאַן שניידער — פון 3 מאַרק 10 פעניג ביז 5 מאַרק.

ליידיס טיילאָרס — פון 3 מאַרק 10 פעניג ביז 5 מאַרק 20 פעניג.

אין 65 פערטע קלאַסע שטעדט:

מענער שניידער — פון 2 מאַרק 95 פעניג ביז 5 מאַרק 50 פעניג.

אַלטערייישאַן שניידער — דאָסזעלבע.

ליידיס טיילאָרס — פון 3 מאַרק 50 פעניג ביז 5 מאַרק 65 פעניג.

אין 11 פינפטע קלאַסע שטעדט:

מענער שניידער — פון 3 מאַרק 10 פעניג ביז 4 מאַרק 20 פעניג.

אַלטערייישאַן שניידער — פון 2 מאַרק 90 פעניג ביז 4 מאַרק 5 פעניג.

2 זעקסטע קלאַס שטעדט:

אין די שטעדט פאַרדיענען אלע שניידער ארבייטער אומגעפעהר פון 3 מאַרק ביז 3 מאַרק 50 פעניג.

די אלע שכירות, ווי שוין געזאָגט, ווערט גערעכענט פּער שטונדע. אין בערלין ווערט געצאָהלט די העכסטע שכירות. פּיעלע פון די ארבייטער מאַכען די ארבייט אין דערהיים אויפ'ן אַלטען שטייגער. אין מאַנכע שטעדט בעקומען דיעזע היים-ארבייטער מיט 25 פּראָצענט מעהר ווי די אינסייד ארבייטער.

* * *

די פּאָליטישע לאַגע אין דייטשלאַנד איז זעהר אָנגעצויגען. דער גייסט פון א קאָנטר-רעוואָלוציע טראָגט זיך אַרום אין דער לופטען. אָבער די ארבייטער זיינען גרייט צו פאַרטיידיגען די רעוואָלוציאָן, און נים צו דערלאָזען די געוועזענע הערשער זיך צוריקצוקערען צום רודער. די מעהרסטע ארבייטער, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבען אויסגעדריקט דעם געדאַנק, דאָס די איינציגע ערלעזונג וואָלט געווען צו שליסען א פריינדליכען בונד מיט רוסלאַנד און זיי זיינען גאָר נים צופריעדען וואָס די. עבערט-רעגירונג דערלאָזט דאָס נים.

איידער איך האָב פאַרלאָזען בערלין האָבען די באַאַמטע פון די יוניאָנס אָרגאַנזירט א דינער, און האָבען אויסגעדריקט זייער באַדויערונג, וואָס איך האָב דאָרט ניט געקאָנט פאַרבלייבען אביסעל לענגער.

פון בערלין בין איך געפאָהרען אין וויען, איך האָב דאָרט פאַרבראַכט בלויז צוויי טעג און בין אָבגעפאָהרען נאָך אונגאַרן.

מיט א ציטעריג האַרץ בין איך אריינגעפאָהרען אין שוואַרצען אונגאַרן, דאָס איינציגע לאַנד אין אייראָפּאַ, וואו עס הערשט איצט אזא פינסטערער, זעהר שרעקליכער באַרבאַריזם. די פריינד אין וויען האָבען מיר געראַטען איך זאָל ניט רעדען אונגאַריש, און די עצה איז מיר גאַנץ גוט צוניצגעקומען.

איך האָב געפיהרט מיט זיך עטליכע פונט צוקער פון קאָפּענהאַגען, אלס פּרעזענט פאַר מיינע בהידער, וועלכע איך האָב ניט געזעהען פאַר 18 יאָהר צייט. און אויף דער גרעניץ, ווען די זשאַנדאַרען האָבען גענומען אונטערזוכען מיין באַגאַזש, האָבען זיי געוואָלט אָוועקנעהמען דעם צוקער. אָבער ווי נאָר איך האָב זיי אָזאָג געטאָן אין דייטש, אז איך בין אן אַמעריקאַנער, האָבען זיי אַלעס צורוה געלאָזען און מיך פריינדליך באַגריסט. דאָס האָט זיכער געראַטעוועט די פּאָר פונט צוקער, וואָס איז דאָרט טייערער פון גאָלד. אין בודאַפּעסט האָבען מיינע ברידער מיך אָפּגעוואַרט ביים טריין, און עס איז ניט נויטיג צו באַשרייבען אונזער אַלעמענ'ס שמחה ביים צוזאַמענטרעפען זיך, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך שוין 18 יאָהר ניט געזעהען, און נאָכדעם ווי זיי האָבען דאָרט דורכגעמאַכט אזא שווערע צייט.

* * *

וועגען דער אַלגעמיינער לאַגע אין דעם איצטיגען אונגאַרן איז דאָ גאָר א סך צו שרייבען, דאָס קען מען ניט אָפּפּטור'ען אין איין אַרטיקעל. אונטער דער הערשאַפט פון די „וויסע גאַרדס" קומט דאָרט פאָר אַזעלכע שרעקליכע זאַכען, וואָס מאַכען אייך שוידערען. עס איז דאָרט ניטאָ קיין סימן פון פרייהייט, און די ביליגסטע זאַך איז דאָרט דאָס מענשליכע לעבען! דאָס פייניגען און מאָרדען מענשען האָט גאָר קיין באַטרעף נים, דאָס ווערט געטאָן יעדען טאָג. דאָס לאַנד ווערט באַהערשט פון א געזעלשאַפט וואָס רופט זיך „די ערוואַכענדע אונגאַרן", א מין „שוואַרצע מאה", ביטערע אַנטיסעמיטען און פיינד פון יעדער פאָרם פון פרייהייט. דאָס זיינען רעאַקציאָנערען פון ערגסטען סאָרט, איינפאַכע באַרבאַרען.

אם מייסטען ווערען פאַרפאָלגט די קאָמוניסטען און די אידען. דאָס לעבען פון א הונט איז דאָרט א סך חשוב'ער און זיכערער, ווי דאָס לעבען פון א אידען, אָדער פון איינעם אויף וועמען עס איז דאָ דער מינדסטער חשד אז ער איז א קאָמוניסט. אַזעלכע מענשען ווערען דערמאָרדעט אָהן אירגענד וועלכען פּראָצעס.

מיינער א שוואָגער, וואָס וואוינט אין א דערבייאיג שטעדטעל, איז געקומען אין בודאַפּעסט מיך זעהן. גלייך ווי ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטעדטעל, איז ער אַרעסטירט געוואָרען. מען האָט באַשולדיגט, אז איך בין געווען ביי איהם אין הויז (וואָס דאָס איז דאָך א ליגען, איך בין אין יענער שטעדטעל נים געווען) און דאָס איך בין א קאָמוניסט, און ער האָט דאָס ניט געלאָזט וויסען דער פּאָליציי. זיי האָבען איהם אויך געזאָגט, דאָס זיי „וויסען", אז איך בין א באָלשעוויק און בין געקומען אהין אין די אינטערעסען פון די באָלשעוויקעס. זיי האָבען איהם שטונדע לאַנג געמאַטערט מיט פראַגען, ער זאָל „דערצעהלען דעם אמת". ער אָבער האָט ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען און זיי האָבען איהם געלאָזען געהן. וואַרשיינליך האָט שוין יענע פּאָליציי אויך געוואוסט דאָס איך בין אן אַמעריקאַנער בירגער, און זיי זיינען צו ווייט נים געגאַנגען.

וויס פּרעזידענט זיגמאַנ'ס באַזוך אין קענעדע.

(שלוס פון זייט 1).

באלד ביידע צדדים האָבען נים אויפצוהויבען נייע פראַגען, באַנייט זיך דער אַגרימענט אויטאָמאַטיש, פון זיך אַליין, יעדע זעקס מאָנאַטען. און אויב עס זיינען דאָ נייע פראַגען אין טרייד אויפצוהויבען, דאַרף איין צד דאָס לאָזען וויסען דעם צווייטען 60 טעג פאַר דעם דאַטום וואָס דער אַגרימענט דאַרף זיך באַנייען, און די פראַגען דאַרפען אויפגענומען ווערען אויף א קאָנפערענץ צווישען ביידע צדדים.

דער דזשאָינט באָאַרד פון טאָראָנטאָ האָט איצט אַרויסצושטעלען אייניגע נייע פונקטען, ער האָט אין דער באַשטימטער צייט וועגען דעם געמעלדעט דער אסס'ן, און די פונקטען וועלען מסתמא אין גיכען אויפגענומען ווערען אויף א קאָנפערענץ פון דער יוניאָן מיט דער אסס'ן.

ווי אונזערע לעזער געדענקען אודאי, איז וויס פּרעזידענט ש. קאַלדאָווסקי, וועלכער איז אויך דער מענעדזשער פון דעם דזשאָינט באָאַרד אין טאָראָנטאָ, איצטער אין יוראָפּ. מיט אייניגע מאָנאַטען צוריק איז ער געשיקט געוואָרען פון פּיפּלס רעליעף טאָן רעליעף ארבייט און ער האָט זיך נאָך נים צוריקגעקערט. אין זיין אַבוועזענהייט ווערט די יוניאָן געפיהרט פון סעקרעטער, ברודער יאַנפּאָלסקי, מיט דער הילף פון'ם ביזנעס איידזשענט פון דער יוניאָן און די אַנדערע יוניאָן באַאַמטע.

ווען ברודער זיגמאַן איז דאָרט געווען, האָבען די עקזעקוטיוועס פון אלע לאָקאַלס, צוזאַמען מיט'ן דזשאָינט באָאַרד, אָפּגעהאַלטען א געמיינשאַפטליכען מיטינג וועגען אָרגאַניזאַציאָנס-ארבייט. פּלענער זיינען באַשפּראָכען געוואָרען ווי צו אָרגאַניזירען בעסער יענע שעפּער וואָס זיינען נאָך נים גוט אָרגאַניזירט, און ווי צו אָרגאַניזירען יענע ארבייטער אין דער ליידיס גאַרמענט אינדוסטריע וואָס זיינען נאָך גאָר נים אָרגאַניזירט. דאָס זיינען דאָס רוב פרויען, וועלכע ארבייטען אין די אַנדערע בראַנטשעס, אויסער קלאָוקס. דיזע ארבייטערינס זיינען ענגליש-שפּרעכענדע, און די יוניאָן פון טאָראָנטאָ פאַרלאַנגט, די אינטערנעשאַנאַל זאָל פאַר דער ארבייט אָנשטעלען אן ענגליש-שפּרעכענדען אָרגאַנייזער. ברודער זיגמאַן וועט דאָס אויפנעמען ביים נעקסטען מיטינג פון דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד.

ברודער זיגמאַן האָט אויך געבראַכט א גרוס פון די ריינקאָוט מאַכער.

די ריינקאָוט מאַכער יוניאָן פון טאָראָנטאָ, לאָקאַל 300, פיהרט דאָרט אָן א סטרייק געגען איין פירמע, שוין זייט א לענגערע צייט. דער סטרייק שטעהט אויסגעצייכענט. די סטרייקער זיינען זעהר מוטיגע קעמפער און דער סטרייק ווערט גאַנץ פּלאַנמעסיג אָנגעפיהרט. עס איז קיין פראַגע נים, דאָס דער סטרייק וועט זיכער געוואונען ווערען.

אין מאָנטרעאַל שטעהט די יוניאָן אויסגעצייכענט. ווי ברודער זיגמאַן גיט אונז איבער, ווערט דאָרט די יוניאָן גאַנץ פעהיג געפיהרט פון די ברידער לענטש און שובערט, מיט דער מיטווירקונג, נאַטירליך, פון דזשאָינט באָאַרד און די לאָקאַל עקזעקוטיוועס, און אַלעס איז דאָרט אין דער בעסטער אָרדנונג.

אין דער צייט וואָס ער איז דאָרט געווען איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א זעהר שעהנער דזשענעראַל מעמבער מיטינג, פול מיט ענטוזיאַזם, הויך אין גייסט און פון א זעהר ערנסטען כאַראַקטער.

ברודער לענטש האָט אויף דעם מיטינג אָנגעגעבען א גאַנץ קלאָרען רעפּאָרט וועגען דער לאַגע אין טרייד, און אויך וועגען דעם רייז אין וויידזשעס וואָס דאַרף נאָך ענטשידען ווערען דורך ארביטריישאָן און איז שוין איצט בעפאָר דעם אַרביטרייטאָר. די קייס איז זעהר גוט פאַרבאַרייטעט געוואָרען און די ענטשיידונג וועט געוויס זיין צו גונסטען די ארבייטער. דער דזשענעראַל מעמבער מיטינג איז אויך אַדרעסירט געוואָרען פון ברודער זיגמאַן.

אין קורצען, ברודער זיגמאַן איז צוריקגעקומען פון קענעדע מיט א זעהר גוטען איינדרוק, און מיט די בעסטע געפיהלען פאַר דער ארבייט וואָס ווערט דאָרט געטאָן אויפ'ן געביט פון אָרגאַניזאַציאָן.

טיקעטס פאַר'ן אידישען קונסט טעאַטער.

אַראַנזשמענטס זיינען געמאַכט געוואָרען מיט'ן מענעדזשער פון אידישען קונסט טעאַטער, מר. סעמועל שאָר, דאָס אונזערע מיטגליעדער פון אלע אינטערנעשאַנאַל לאָקאַלס זאָלען באַקומען טיקעטס צו רעדוצירטע פּרייזען. דער באַריהמטער קינסטער, רודאָלף שילדקרויט, שפּיעלט דאָרט איצט אין שלום אש'ס מייסטערווערק, „נאָם פון נקמה" און אין נאָך אַנדערע ליטעראַרישע פּיעסען. קומט אין אָפּיס פון לאָקאַל 25, 16 וועסט 21טע סט., אָדער אין עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט, 31 יוניאָן סקווער, וועט איהר באַקומען אזא קאַרד, וואָס וועט אייך באַרעכטיגען צו באַקומען אין באָקס אָפּיס פון דעם דערמאָנטער טעאַטער, טיקעטס צו רעדוצירטע פּרייזען. דער קונסט-טעאַטער געפינט זיך אויפ'ן קאָרנער מעדיסאָן עוו. און 27טען סט., אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען.

ספּאנטאן. מען האט ניט באדארפט אפּע־לירען צו די קלאוקמאכער, אז זיי זאלען סעמפּייענווען פאר היקסוויט און קאנדראן. זיי האבען מיט אונגעדולד געווארט אויף דער גרויסער געלעגענהייט ארויסצואווייזען זייער גאנצע ליעבע און אכטונג צו זייערע צוויי גרויסע פיהרער און לעה־רער, און מיר האפען, אז דאס מאל וועט זייער גרויסע ארבייט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג: הילקוויט און קאנדראן ווע־לען אויסגעוועהלט ווערען אין קאנגרעס, וואס דאס וועט ווידער אמאל זיין דער גרעסטער, דער שטארקסטער פּראטעסט געגען דאס בושעווען פון דער אונגעלומ־פערטער פארוועהעניש פון צוויי גופים מיט איין רויבגיריגער נשמה.

מאקסוויני.

אָט, צוזעהענדיג די גאנצע געמיינ־הייט, פאסקודסטווא און קליינליכקייט פון לעבען, ווילט זיך א שפּיי טאן אויף אלעס. עס טראכט זיך: צו וואס דאס קעמפען, צו וואס דאס שטרעבען? די מענשען זיינען דאך אזוי קליינליך, אזוי נישטיג, טו צוליעב וועמען, צוליעב וואס?

אָבער, פון דער אנדערער זייט, אז מען טוט א קוק, דאס אין דיעזער קליי־נער, פאסקודנער נישטיגער וועלט זיינען דא אזעלכע טיטאנען אין גייסט, אין כא־ראקטער, ווי דער גאר־וואס־געשטארבע־נער לארד־מעיאר פון קארק, טערענס מעקסוויני, פארשווינדט דער גאנצער פּע־סימיזם ווי רויך, און די הארץ ווערט פול מיט נייער האפנונג, מיט פרישער ענער־גיע. עס ווילט זיך באמת שטאלצירען מיט דעם מין מענש, אז ער האט גע־קענט ארויסברענגען פון זיך אזא מעק־סוויני, און צעהנדליגע עהנליכע צו איהם.

עס איז דא ניט די פראגע, צי איהר זיינט איינפארשטאנען מיט מעקסוויני סיי אין זיין מעטאדע צו דערגרייכען דעם צוועק, און סיי אין דעם צוועק גופא. מעגליך, אז מאנכער פון אונז טראכט זיך: נו, איז ער שוין געשטארבען, וואס זשע האט ער דערמיט אויסגעפיהרט? נו, אָט האט ער שוין אויסגעפיהרט, אז אירער־לאנד זאל קריגען איהר אייגענע מלוכה, טו ווער וועט דערפון עפּעס געניסען, אוי־סער א ביסעל איירישע פּאליטישענס? זאל דערפאר עס האבען געלוינט זיך צו שטארבען אזא שרעקליכען טויט?

ניין, אין דעם מאמענט איז גאר ניט דאס דער עיקר, צי מיר זיינען יע אדער ניט איינפארשטאנען מיט די ציעלען פון דעם מעיאר פון קארק און מיט פיעלע פון זיינע חברים, וואס זיינען געשטאר־בען מיט דעם זעלבען טויט פאר זיי. וויכטיג איז דאס, וואס אויף אונזער ערד זיינען דא אזעלכע ריעזען־מענשען מיט אזעלכע אייזענפעסטע כאראקטערע, מיט אזעלכע איבערצייגונגען. טראכט זיך אריין וואס דאס מיינט: פיהלען דעם טויט יעדען טאג, יעדע מינוט אנקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער, צו וויסען, אז מיט איין ווארט אייערען קענט איהר זיך רעטען פון טויט, און דאך בלייבען פעסט ביי זיך טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, מאנאט נאך מאנאט, ליידען די שרעקליכסטע יסורים און דאך ניט א ריהר טאן מיט אן אבר אום דעם טויט אפּצושטופען, אויף וואס די ענגלישע רע־גירונג האט נאר געווארט, כדי צו קענען מאכען לעכערליך די גרויסע מארטירער! טראכט זיך אריין: יעדער מענש, יעדער וועזען וויל לעבען. דאס איז דער שטארק־סטער, דער ברענענדיגסטער וואונש פון אלץ, וואס לעבט, און דאך האבען עס די מענשען אויסגעפיהרט מיט זייער גרויסען גייסט גובר צו זיין די ריין־פיזישע נא־טור! באטראכט נאר, ניט מיט א מאל, נאר טאג־טעגליך, לאנגזאם, לאנגזאם זיך אליין ערמארדענדיג, ערמארדענדיג זיך אין דער איבערצייגונג, אז זייער שרעק־ליכער מארטירער־טויט וועט און מוז ברענגען פרייהייט פאר זייער לאנד, פאר זייער פאלק. קען מען זיך פארשטעלען עטוואס מעהר העלדישעס.

גרויס איז איצט ללאיד דזשארדזש, וועלכער האט ניט געקענט פועל'ען ביי זיך פריי צו לאזען דעם לארד־מעיאר פון קארק, טערענס מעקסוויני. שטארק איז איצט די רעגירונג פון גרויס־בריטאניען. אבער ווי קליין, ווי נישטיג זיי זעהען אויס לגבי דעם גרויסען גייסט, דעם אוי־סערגעוועהנליך שטארקען ווילען פון מעק־סוויני. און דערפאר, ווען פון דער ענג־לישער רעגירונג וועט קיין זכר ניט בליי־בען און ווען דער נאמען לאיד דזשארדזש וועט פארגעסען ווערען צוזאמען מיט די נעמען פון אלע אנדערע פּאליטישענס, וועט די וועלט געדענקען און שטאלצירען מיט דעם לארד־מעיאר פון קארק, טערענס מעקסוויני, וועלכער האט אליין, מיט זיין פרייען ווילען נעפּייניגט זיך אזוי שרעק־ליך פאר גאנצע 74 טעג, ביז ער איז גע־שטארבען פאר דאס, וואס ער האט גע־האלטען טייערער ווי זיין לעבען, די פריי־הייט, די אונאפּהענגיגקייט פון זיין לאנד, פון זיין פאלק.

ערב „עלעקשאן" דא, און ערב רעוואלוציאן אנדערשוואו

פון ב. מיימאן.

איהר מיינט אוראי אז אין וואשינג־טאן האלט מען אין ריידען און שרייען, דעבאטירען און קאכען זיך וועגען די נא־ציאנאלע וואהלען. א קליינינקייט עפּעס ערוועהלען א נייעם פּרעזידענט! איז אבער די מעשה א פּונקט פארקעהרטע: אין דעם „קעפּיטאל" פון לאנד קאכט מען זיך וועגען די נאציאנאלע וואהלען פיעל ווענינער ווי אין אלע אנדערע שטעדט אדער שטעדטלעך פון לאנד. איבער־הויפּט די היינטיגע וואהלען, וועלכע דאר־פען געהאלטען ווערען נעקסטען דינסטאג, ווערען אין וואשינגטאן אנערקענט ווי שוין געזעטעלטע.

נאך מיט צוויי וואכען צוריק האט דער שרייבער פון דיעזע צייל ען געהערט די שטוינענדע נייעס פון איינעם פון די סאמע הויפּט דעמאקראטישע פּאליטי־שענס, אז זיי אנערקענען שוין די וואה־לען פאר געשלאסענע. אונטער פיער אוי־גען גיט שוין יעדער דעמאקראטישער פיה־רער צו, אז דער רעפּובליקאנער קאנדי־דאט וועט זיכער ערוועהלט ווערען. און אויף אזוי פיעל זיינען די פּאליטישענס פּראקטישע מענשען צו האלטען פון דעם אמעריקאנעם ווערטעל, זיך ניט צו זאר־גען איבער „אויסגעגאסענע מילך". זיי אנערקענען אלע, אז ווילסאן האט געגע־בען א בריקע און איבערגעקעהרט דאס גאנצע מעלק־שעפּעלע מיט דעמאקראטי־שער מילך, און דעמאקראטען מוזען איצ־טער אפּטרעטען זייערע פּלעצער צו די רעפּובליקאנער. א פאקט איז א פאקט, און מען מוז איהם נעהמען אזוי פילא־זאפיש רוהיג ווי מען קען נאר. וואשינג־טאן איז דארום שוין איצטער גאנץ רוהיג און געלאסען וועגען די וואהלען.

אבער א גאנץ אנדער זאך האט פּא־סירט וואס באאונרוהיגט איצטער די „קעפּ" פון דער אמעריקאנער רעגירונג: די לעצטע געשעהעניש אין ענגלאנד. דאס וואס מר. קאלבי האט אנגעהויבען ארויס־צוגעבען „אפיציעלע סטייטמענטס" אז רוסלאנד'ס סאוועטען רעגירונג האלט ביים פאלען, האט שטארק צו טאן מיט דעם קוילען סטרייק אין ענגלאנד, און מיט דער מורא פאר אזעלכע סארטען סטרייקס ביי אונז אין אמעריקא.

פאראנען מענשען, וואס מיינען, אז אין די פאראייניגטע שטאאטען איז אלעס שטיל ווי אויף א בית עולם, אז די אמע־ריקאנער ארבייטער זיינען ווירקליך אדער פאלקאמען צופרידען מיט דעם וואס זיי האבען, אדער זיי האבען ניט גענוג מוט צו שטעלען זיך און פאדערען דאס וואס זיי דענקען אז זיי דארפען האבען. גאט ווייס דעם אמת, אז מיר זיינען נישט איבעריג באגייסטערט פאר דער אמערי־קאנער ארבייטער באוועגונג, אבער אין גאנצען שטיל איז נים. עס איז פארט ניט קיין בית עולם, און דא און דארטען זעהען זיך סמנים פון לעבען.

אט ביי דיעזען מאמענט, ווען אין ענג־לאנד געהט אן דער באריהמטער סטרייק פון די קויהלען מיינערס — א סטרייק, וועלכער סטראשעט צו ווערען צובלאזען אפשר אין א גאנצער רעוואלוציאן — שטעהט א טייל פון אונזער לאנד, אויך קויהלען מינעס, אונטער מיליטערישער הערשאפט. די קויהלען מיינערס אין מאנטגאמערי קאונטי, סטייט אלאבאמא, פיהרען אן א זעהר העלדישען קאמף און די רעגירונג האט זיך דארטען געמוזט ארייננמישען צו מאכען „ארדנונג".

גענעראל ר. ע. סטיינער, וועלכער קא־מאנדירט די נאציאנאלע גווארדיע, איז געשיקט געווארען אהינצו צו האלטען אר־דנונג. ווי א גענעראל פארשטעהט אמע־ריקאנער „ארדער", האט ער גלייך פאר־באטען די סטרייקערס צו האלטען פאר־זאמלונגען, פארבאטען צו פאראדירען אדער אפילו צו געהן צוזאמען אין גרע־סערע אדער קלענערע גרופּקעס, פארבא־טען אפּצוהאלטען מיטינגען אדער אויף אירגענד וועלכען אופן זיך צוזאמענצוריי־דען. אויף דער שוועל פון נאציאנאלע וואהלען, ווען פּאליטישענס מכל המינים דערצעהלען די אמעריקאנער בירגער, אז זיי, די בירגער, זיינען די פאלקאמענע הערשער „סאווערעינס", און אז דער ווי־לען פון דעם פאלק הערשט איבער אלעס; אז די באאמטע זיינען בלויז די דיענער פון פאלק — אין דיעזער צייט איז אין דיעזער קויהלען מינען געגענד אין גאנ־צען אוועקגענומען געווארען פון די אר־בייטער די פרייהייט פון רעדען אדער שרייבען, די פרייהייט צו פארזאמלען זיך — די אלע פרייהייטען מיט וועלכע דער אמעריקאנער שטאלצירט אזוי שטארק און וועלכע זיינען אבסאלוט פונדאמענ־טאל נויטיג פאר א דעמאקראטישער גע־זעלשאפט.

מילא, אזא געשעהעניש ווי די אין מאנטגאמערי קאונטי, אלאבאמא, איז שוין ברוך השם ביי אונז קיין נייעס ניט, אבער דאס וואס אין דער זעלביגער צייט געהט אן א סטרייק אין ענגלאנד, אויך פון קויהלען מיינער, וועלכער ווערט כא־ראקטעריזירט אלס א פּראבע פון די אר־בייטער איבערצונעהמען די רעגירונג פון ענגלאנד אין זייערע הענד אריין — דאס זעהט איהר גיט שוין עפּעס א שטיקעל נייע באדייטונג צו דער פּאסירונג.

ביים אנפאנג פון יאהר 1919, ביים סאמע אנפאנג פון די פריעדענס פאר־האנדלונגען אין פּאריז, איז אין ענגלאנד געווען וואהלען. אמת, דארטען ווערט ניט ערוועהלט קיין פּרעזידענט, אבער די דארטיגע נאציאנאלע וואהלען זיינען פיל־לייכט נאך וויכטיגער פאר אונזערע, ווייל דער גאנצער קאבינעט איז פאראנט־ווארטליך צום פּארלאמענט און שטעהט אדער פאלט לויט דעם גאנג פון די וואה־לען. די ארבייטער, וועלכע זיינען דאר־טען, אין ענגלאנד, ווי אין די מעהרסטע ציוויליזירטע לענדער (מיט דער אויסנאה־מע פון אונזער אייגען לאנד) ניט נאר עקאנאמיש ארגאניזירט זאנדערן אויך פּאליטיש, האבען שטארק געסטראשעט די רעגירונג. לאיד דזשארדזש האט דא־רום געמאכט פיעלע פארשפּרעכענס צו די ארבייטער פּארטייען, און די לאיד דזשארדזש רעגירונג איז געבליבען וויי־טער אויפ'ן פערד. געזאגט האבען אבער דאן די ארבייטער פיהרער, אז אויב מען מיינט מען וועט אפּקומען בלויז מיט פאר־שפּרעכענס האט מען א טעות. אז אויב זיי וועלען ניט קענען קריגען אויפ'ן פּא־ליטישען פעלד דאס וואס זיי פארלאנגען וועלען זיי באנוצען דעם אנדערען ארעם: דעם עקאנאמישען. די ראדיקאלערע פיה־רער צווישען זיי, ווי וויליאמס, פון די דאק־ארבייטער, און ראבערט סמיילי, פון די מינען ארבייטער, האבען שוין דאן גע־ווארענט, דאס אויב עס וועט קומען צו דעם, אז די ארבייטער זאלען שוין מוזען ווירק[illegible] באנוצען זייער עקאנאמישע מאכט, וועט זי שוין אזוי באנוצט ווערען, איין מאל פאר אלע מאל, צו מאכען אן ענדע פון דער הערשאפט פון דער בור־זשואזיע און זעהן אז די ארבייטער זאלען איבערנעהמען די הערשאפט אין זייערע הענט אריין.

איז דיעזע צייט איצטער געקומען אין ענגלאנד? און אויב יא, וועט זי ניט הא־בען קיין שום ווירקונג אויף דער אמע־ריקאנער ארבייטער באוועגונג?

מיינט ניט, אז ווייל דא אין אמעריקא פיהלט זיך די בורזשואזיע פעסט אין זא־טעל, אז ווייל דא ציינען זיך ניט קיינע שום סמנים פון אמת'ען קלאסען ווידער־שטאנד, ווערען אבער אונזערע פיהרער ניט באאונרוהיגט ווען זיי זעהען אזעלכע געשעהענישען ווי לעצטענס אין איטא־ליען און איצטער אין ענגלאנד. אין אי־טאליען איז די זאך נאך ווייט ניט קיין געענדיגטע און אין ענגלאנד האט זי זיך נאך רעכט ניט אנגעהויבען. ווען ביי אונז פיהלט זיך ניט קיין שום מורא פאר די ארגאניזירטע ארבייטער; ווען מיר קע־נען איצטער זיין ערב נאציאנאלע וואהלען און זיך אויסלאכען אין גאנצען פון די ארבייטער פארלאנגען; ווען מען קען שוין איצטער זיין זיכער, אדער כמעט ווי זיכער, אז די רעפּובליקאנער פּארטיי וועט זיעגען טראָץ דעם וואס זי האט אפען און פריי ארויסגעשטעלט די ארבייטער א פייג; ווייסען אבער די פיהרער, אז דאס איז דערפאר ווייל די ארבייטער זיינען באמת ניט ארגאניזירט. ווען אין ענג־לאנד האט מען אזוי שטארק מורא פאר א רעוואלוציאן, איז דאס דערפאר וואס די קויהלען מיינערס שטעהען ניט אליין, וואס צו זיי וועלען גלייך צוטרעטען די אנדערע וויכטיגע אינדוסטריען. ווען אין איטאליען האט מען מורא פאר די אר־בייטער איז דאס דערפאר וואס דער מא־ניפעסט, וואס זיי האבען ערשט לעצטע וואך ארויסגעלאזען „צו די ארבייטער און פויערים פון איטאליען" איז אונטערגע־שריבען געווארען פון די פאלגענדע אר־גאניזאציאנען: „די גענעראלע ארבייטער קאנפעדעראציאן", די „סאציאליסטישע פּארטיי", דער „סינדיקייט פון אייזענ־באהן ארבייטער", די „פעדעראציאן פון מאטראזען" און די „פעדעראציאן פון דאק ארבייטער". עס איז דערפאר וואס אין יענע לענדער זעהט מען אן אמת'ע סאלידאריטעט צווישען די ארבייטער פון איין פאך מיט די ארבייטער פון אן אנ־דער פאך. וועהרענד דא, אין אמעריקא, ווען אין מאנטגאמערי קאונטי, אלאבא־מא, סטרייקען קויהלען מיינערס און מען שטעלט זיי אונטער מיליטערישער הער־שאפט, קעהרט זיך דאס לחלוטין גארניט אן מיט אפילו די קויהלען מיינערס פון פּענסילוועניא, וועלכע זיינען ערשט מיט עטליכע חדשים צוריק אליין געשטאנען אונטער דער הערשאפט פון די „פּענסיל־וועיניער קאזאקען" און האבען דאמאלסט געגוואלדעוועט, אז מען בארויבט זיי פון זייערע אמעריקאנער בירגער רעכטע.

וועלען די אמעריקאנער ארבייטער אלע מאל בלייבען אזוי?

אט דאס איז טאקע די פראגע. וואס די גרויסע פּאליטישענס אין וואשינגטאן שטעלען זיך איצטער. בשעת איהר, כלומר'שטער הערשער פון לאנד, קלערט נאך פאר וועמען צו וואוטען, קלערט מען שוין אין וואשינגטאן וועגען דעם, אז הארדינג זאל אויסקלייבען גאווערנאר אללען, פון קענזאס, אלס ארבייטס מיניס־טער. דאס וואלט געווען פאלקאמען אין איינקלאנג מיט דער פּאליסי פון דער רע־פּובליקאנער פּארטיי: צו שטעלען די ארגאניזירטע ארבייטער א פייג אונטער'ן נאז. דעם אמת זאגענדיג, פארדיענען זיי דאס גאנץ כשר: אז זיי געהען, אין אזא וויכטיגער צייט, ערוועהלען דעם רעפּוב־ליקאנישען קאנדידאט, האבען זיי כשר פארדיענט א פייג אונטער'ן נאז. גא־ווערנאר אללען האט זיך באליעבט גע־מאכט ביי די בעלי בתים פאר זיין אינ־דוסטריעלען קאורט, אין קענזעס. אלע ארבייטער אנערקענען דיעזען קענזעס פּלאן פאר א געפעהרליך שלעכטען און פיעלע האבען זאגאר געשטימט צו קעמ־פען געגען איהם. עס וואלט זיך דארום געפּאסט, אז הארדינג זאל דיעזען שונא פון די ארבייטער אפּאינטען אלס „סעק־רעטערי אוו לייבאר". אויב ניט אללען, וועט וואהרשיינליך סענאטאר קעניאן פארנעהמען דיעזע שטעלע. אין וואשינג־טאן גלויבט מען, אז דיעזע צוויי זיינען די לאגישע קאנדידאטען. ווער פון דיע־זע צוויי עס זאל ניט געווינען, די ארביי־טער האבען פארלארען.

אבער בשעת ביי אונז איז ערב עלעק־שאן, איז אין דער וויכטיגסטער טייל פון דער וועלט ערב רעוואלוציאן. איז דען מעגליך, אז די אמעריקאנער ארבייטער זאלען דאס גאר ניט איינזעהן?

א ליעד

פון נחום י.

צי האט איהר ווען געזעהן
א פייערעל אין וואלד,
צי האט איהר ווען געזעהן
א מיידעלשען געשטאלט,
מיט ברוינע אוילבערט־אויגען
און זאנגיג בלאנדע האר,
צי האט איהר ווען געזעהן
א חלום אויפ'ן וואר?

צי האט איהר ווען געזעהן
א יונגען בוים פארנאכט,
וואס שטעהט ביים ברעג פון וואלד
באשיידען און פארטראכט?...
איהר האט דאס נים געזעהן,
איהר האט דאס נים געזעהן,
אזא איז מיין געליעבטע. —
אזא איז זי געווען...

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1.00 per year.

Vol. II. No. 44. New York, Friday, Oct. 29, 1920.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

אונזערע קאנדידאטען.

פיעלע לעזער און לעזערינס פון דער „גערעכטיגקייט" האבען זיך געווענדעט צו אונז מיט א פראגע, מיר זאלען זיי ערקלעהרען אונזער שטעלונג אין דער איצטיגער פאליטישער קאמפיין. אמת, זיי וויסען, אז מיר געהערען ניט צו די גרויסע מאמינים אין דעם פארלאמענטארישען קאמף; אמת, זיי וויסען, אז מיר לעגען אונזער הויפט־געוויכט סיי פאר דער געגענווארט און סיי פאר דער צוקונפט אויף דעם עקאנאמישען קאמף פון די ארבייטער. אבער דאך, אזוי ווי דאס גאנצע לאנד קאכט מיט די קומענדע וואהלען, און זיי זיינען ניט אזעלכע מענשען, וועלכע זאלען קענען אט דעם גאנצען מגושם'דיגען יאריד איגנארירען, ווילען זיי וויסען, וואס איז אונזער שטעלונג. אפשר, שרייבען אייניגע, וועלען זיי געפינען פאר זיך אן אויסוועג אין דער איצטיגער מישענינע, ווען מיר וועלען ארויסזאגען קלאר און דייטליך, ווי דארף אן עהרליכער און דענקענדער מענש האנדלען אונטער די איצטיגע אומשטענדען. מיר דענקען, אז אונזערע לעזער און לעזערינס האבען א רעכט צו שטעלען אונז די דאזיגע פארדערונג, און מיר, פון אונזער זייט, זיינען זעהר גע'ן די דאזיגע פארדערונג צופרידען צו שטעלען, ווייל ווירקליך, מיר האבען ניט די מינדעסטע אורזאכע צו פארבאהאלטען אדער פארלייקענען אונזער שטעלונג אין דעם איצטיגען קאמפיין.

מיר ווילען נ"מ פיעל פארברייטען זיך איבער דעם, וואס מיר דענקען וועגען די צוויי גרויסע פארטייען און זייערע קאנדידאטען, וואס שלאגען זיך פאר די כהונה, פאר די דושאבס, פאר דער קהלשער קארעטע. אונזער שטעלונג צו זיי קען אויסגעדריקט ווערען אין בלויז עטליכע ווערטער: א פלוך אויף זיי ביידע. מיר זיינען אזוי צופרידען, וואס מיר ווערען באלד פטור פון דער בלוטיג־היפאקריטישער אדמיניסטראציע פון ווילסאן, דאס עס ארט אונז ניט, ווער עס וועט פארנעהמען דעם פלאץ. אבי נאר ניט יענע היפאקריטישע באנדע, פאר וועמען קיין פארראט געגען דאס בעסטע דאס הייליגסטע, קיין געמיינהייט, קיין ליגען איז ניט געוועזען צו שלעכט; אבי נאר ניט יענער חברה־מאן און זיין גאנצע חברותא, וועלכע האבען מיט אלערליי שעהנע פראזען אריינגענארט דאס גאנצע לאנד אין דער בלוטיגסטער אוואנטיורע, און נאכהער פשוט ארויסגעשטעלט זיי א צונג, אהן דער מינדעסטער חרפה און בושה געטראטען מיט די פיס אלעס, וואס איז גרויס און שעהן און איידעל געוועזען אין אמעריקא, און וואס האט געמאכט אמעריקא פאר דאס אויסערוועהלטע לאנד, פאר דאס פארשפראכענע לאנד פאר מיליאנען און מיליאנען.

אט א דאנק דעם געפיהל, דעם גרויסען אלגעמיינעם וואונש צו געבען דעם לעצטען בריק אט די שווינדלער, אט די, וועלכע האבען געבראכט פינסטערניש און שאנדע אויף אמעריקא, וועט העכסטוואהרשיינליך פארנעהמען איהר פלאץ די רעפובליקאנישע פארטיי, וועלכע איז א האר ניט בעסער, כאטש ניט אזוי היפאקריטיש, ווי דער ווילסאן־קאקס געזינדעל.

און, אויב עס וואלט ווירקליך ניט געווען פאר דעם וועהלער קיין אנדער ברירה ווי אדער צו שטימען פאר קאקס'ען און פאר דער פארטיי פון די פאלמערס, די בורלסאנס און די ווילסאנס, אדער פאר הארדינג'ען און דער פארטיי פון די לאדזש און סווימס, און פענראוזעס און קולידזשעס, וואלטען מיר זיי געזאגט: האלט זיך אין גאנצען צוריק פון דעם שווינדעל, מאכט ז י ך, לכל הפחות, ניט אומריין, העלפט ניט איין באנדע שווינדלער ארונטערצואווארפען מיט דער ארויפצוציהונג אויף איהר טהראן פון א צווייטער באנדע, וועלכע איז פונקט אזוי געמיין און וועלכע האט פאר אלץ, וואס איז הייליג דעם דענקענדען און עהרליכען מענש, פונקט אזא פאראכטונג, ווי די, וועמען איהר ווילט באשטראפען.

יע, מיר וואלטען מיט אונזער בעסטען געוויסען געקאנט דאן ראטען אונזערע פריינד: בלייבט פון ווייטען פון דעם גאנצען שווינדעל. דער גרויסער שטימענדער עולם וועט שוין אליין באזארגען די ביזנעס פון ארונטערצואווארפען די, וועלכע האבען איהם אזוי שענדליך גענארט, און איהר וועט זיך פארשפארען דעם עגמת נפש, די ביטערע חרטה צו האבען געהאלפען מיט אייער שטימע צו ברענגען צו דער הערשאפט א קליקע, וועלכע איז מיט א האר ניט בעסער ווי די, וועמעס פלאץ זי פארנעהמט.

אבער עס ווילט זיך דאך מיט עפעס ארויסווייזען דעם גאנצען צארן, דעם גאנצען פראטעסט געגען די, וועלכע האבען אונטער דעם מאנטעל פון פאטריאטיזם אזוי צו שאנדע געמאכט אלע אונזערע פרייהייטען. און, אויב ניט וואוטען פאר הארדינג און דעם רעפובליקאנישען געזינדעל, טו וואס זאלען מיר טאן?

און אט דא קומט אונזער קלארער, גאנץ אונצווייידייטיגער ענטפער.

א וואוט פאר הארדינג און זיין פארטיי אלס א פראטעסט געגען ווילסאן און אלע זיינע שוידערליכקייטען איז פון קיין באדייטונג ניט, ווייל הארדינג איז מיט קיין האר ניט בעסער, ווי ווילסאן אדער קאקס. פאקטיש זיינען ביידע פארטייען גאר איין פארטיי, ביידע פארטרעטען די זעלבע אינטערעסען; ביידע וועלען אונטער די זעלבע אומשטענדען באגעהן די זעלבע געמיינהייטען, און עס איז נאריש זיך איינצורייידען, אז מיט א וואוט פאר הארדינג און קולידזש וועט מען נעהמען גרויסע נקמה אן ווילסאן, קאקס און רוזוועלט.

עס איז דא נאר איין אופן, ווי אזוי דער דענקענדער און עהרליכער מענש קען אויסדריקען זיין פראטעסט, זיין צארן געגען אלע שאנדטאטען פון די לעצטע עטליכע יאהר, און דאס איז צו שטימען פאר דער סאמע פארקערפערונג פון אליץ, וואס איז גרויס און שעהן, פאר דער סאמע פארקערפערונג פון מוטיגקייט, פון קאמף געגען אל דאס בייז, פאר דער העכסטער באריטוויליגקייט צו ליידען די גרעסטע יסורים, ווען עס איז נאר דא די גרויסע האפנונג, אז די דאזיגע יסורים וועלען העלפען דער באפרייאונג פון די גרויסע מאסען.

און אין אמעריקא איז דא איינער אזא קאנדידאט; דאס איז דער קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, — יודזשין וויקטאר דעבס.

דער דעבס, וואס האט זיין גאנצען לעבען געווידמעט צום קאמף פאר דער באפרייאונג פון דעם ארבייטער־קלאס פון אלע זיינע נויטען, פון זיין עקאנאמישער און פאליטישער פארשקלאפונג; דער דעבס, אויף וועמעס זויבערקייט פון כאראקטער דער גרעסטער שונא זיינער קען קיין שפרינקעלע ניט געפינען; דער דעבס, וועמעס נשמה־ריינקייט איז אזוי גרויס, אז עס גלויבט זיך קוים, אז אין אמעריקא, אין דעם לאנד פון דאלאר און בלאף, זאל א מענש קענען בלייבען אזוי ריין, אזוי אונבאריהרט.

שטימען פאר דעבס'ען — דאס איז די פליכט פון יעדען דענקענדען מענשען, מאכט ניט אויס צי ער איז א סאציאליסט צי ניט. ווייל דעבס אין דעם איצטיגען מאמענט איז מעהר ווי דער קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי; ער איז דער קאנדידאט פון די איבער אכציג טויזענד, וואס זיינען געפאלען אויף די שלאכטפעלדער פון פראנקרייך. ווען זיי וואלטען געקענט אויפשטעהן און אפגעבען זייערע שטימען וואלטען זיי ניט געקענט שטימען פאר קיין אנדערען ווי פאר דעבס'ען; ער איז דער קאנדידאט פון די טויזענדע פארקריפעלטע און פאראונגליקטע, וואס זיינען צוריקגעקומען פון די שלאכטפעלדער; ער איז דער קאנדידאט פון אלע פארמוטשעטע און פארפייניגטע געוויסענהאפטע געגנער פון מלחמה; ער איז דער קאנדידאט פון אלע, וועמעס הערצער בלוטיגען, צוזעהענדיג ווי דער אפאסטאל פון דעמאקראטיע פאר דער גאנצער איבעריגער וועלט, האט פארניכטעט יעדען סימן פון דעמאקראטי דא אין אמעריקא; ער איז דער קאנדידאט פון אלעם, וואס איז נאך עהרענהאפט און מענשליך אין אמעריקא.

דערפאר, ווען איינער וויל שוין יא, באמת, אויסדריקען זיין פראטעסט געגען דער שאנדע פון אמעריקא, געגען דער הערשאפט פון וואל סטריט וועמעס אגענטען זיינען ביידע גרויסע פארטייען, געגען פראפיטירעריי, געגען רויבעריי, געגען פארשקלאפונג און פאר א בעסערען און שעהנערען מענשליך לעבען, האט ער נים און קען ניט האבען קיין בעסערע געלעגענהייט, ווי צו שטימען אט פאר דעם גרויסען פריזאנער אין דעם פעדעראל פריזאן פון אטלאנטא, דזשארדזשיא, פאר יודזשין וויקטאר דעבס.

דער שרייבער פון די צייל[ע]ן האט ביז איצט פאר קיינעם קיינמאל ניט געשטימט אין קיין קעמפיין, כאטש ער איז שוין 35 יאהר אין אמעריקא. ליידער קען ער נאך איצט אויך ניט שטימען. אבער וואלט ער געהאט דאס רעכט דערצו, וואלט ער מיט פארגעניגען געשטימט דאס מאל פאר דעם גרויסען איידעלען מענש, יודזשין וויקטאר דעבס, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס ער איז נאך ביז היינטיגען טאג פון דער פעסטער איבערצייגונג, דאס אויף דעם פארלאמענטארישען וועג וועט דער ארבייטער־קלאס קיינמאל ניט אויסקעמפען זיין באפרייאונג פון אליץ, וואס דריקט און שטיקט איהם אין דער איצטיגער ארדנונג.

דער געוויסענהאפטער מענש האט איצט די בעסטע געלעגענהייט אויסצודריקען זיין פראטעסט סיי געגען דעם גאנצען היפאקריטיזם פון דער ווילסאן־הערשאפט און סיי געגען דער גאנצער רעאקציאנערער באנדע פון דעם קומענדען רעפובליקאנער רעזשים, אפגעבענדיג זיין שטימע פאר דעם קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, פאר דעבס'ען, וועלכער ווערט פון ביידע פארטייען אזוי געהאסט, אז ניט די ווילסאן'שע פארטיי, וועלכע וואלט געקענט דורך באפרייען איהם מאכען פארגעסען אן פיעלע איהרע גען פראפיטירעריי, געגען רויבעריי, געפארברעכענס מאנכע ליבעראלען, און ניט די רעפובליקאנישע פארטיי, וועלכע האט אין דער פעריאד פון איהר איצטיגען באנער־טרעגער, ריכטיגער — משרת, סענאטאר הארדינג, ערקלעהרט זיך בפירוש געגען דער באפרייאונג פון דעבס'ען און זיינע חברים.

וואס מעהר שטימען דעבס וועט קריגען דעם קומענדען דינסטאג, דאס גרעסער וועט זיין דער פראטעסט געגען דעם סיאמעזען צווילינג, געגען די צוויי אפגעפרעסענע גופים מיט איין קאפיטאליסטישער רויבגיריגער נשמה, ווי הילקוויט האט זיך אויסגעדריקט אזוי טרעפענד, און דאס גרעסער דער קלאפ פאר אונזערע אונטערדריקער. דער גרויסער וואוט פון מיליאנען און מיליאנען מענשען פאר דעבס'ען וועט זיין דער בעסטער, דער שטארקסטער אנזאגער, דער קול מבשר, אז באלד, באלד און עס קומט דער אונפארמיידליכער סוף צו דער סיסטעם פון עקספלואטאציע און אונטערדריקונג. דריי מיליאן שטימען פאר דעבס'ען וועט ברענגען פאר אמעריקא און פאר דער גאנצער וועלט די גרויסע בשורה פון דער באלדיגער ענדע פון דעם גאנצען קאפיטאליסטישען רעזשים, וועלכער קען נאר עקזיסטירען אויף די בלוט און פראצע און אונוויסענהייט פון מיליאנען און מיליאנען.

אונזער ענטפער אלזא צו אונזערע לעזער און לעזערינס, וואס האבען ביי אונז געפרעגט, ווי אויך אונזער ראט צו אונזער גאנצער גרויסער מעמבערשיפ איבער'ן גאנצען לאנד איז קלאר און דייטליך. אלס ארבייטער, אלס מענשען, וועלכע דענקען און וועלכע ווילען אויסדריקען זייער פראטעסט סיי געגען דער באנדע, וואס האט אייך אזוי געמיין באשווינדעלט און סיי געגען די, וועלכע גרייטען זיך ערשט אייך צו באשווינדלען, איז עס אייער פליכט, ניין, אייער פריווילעגיע דאס מאל צו שטימען פאר דעבס, דעבס דעם מאטירער, דעבס דעם גרויסען פרייהייטס־קעמפער, דעבס דעם מענש מיט א הארץ, פול מיט ליעבע צו אלע, וואס ליידען און קעמפען.

א ווארט פאר אונזערע סאציאליסטישע אסעמבלימען.

וואס ווידער אנבאטרעפט אונזער גרויסע מעמבערשיפ אין ניו יארק, האט זי די מעגליכקייט אויסצודריקען איהר גרויסען פראטעסט אויף נאך א מעהר ווירקזאמען אופן, און דער איז: ניט צו שטימען בלויז פאר דעבס, נאר פאר אלע קאנדידאטען, וואס לויפען צוזאמען מיט דעבס אויף דעם סאציאליסטישען טיקעט.

עס איז ניטא וואס צו ריידען, דאס אלע ארויסגעווארפענע סאציאליסטישע אסעמבלימען, א דאנק די רעפובליקאנישע פאליטישענס, די סווימס און די לאסקס בשותפות מיט די דעמאקראטישע פאליטישע פיק־פאקעטס, וועלען אויסערוועהלט ווערען מיט גרויסע מאיאריטעטען און צוזאמען מיט זיי וועלען און דארפען אויסערוועהלט ווערען. נאך פיעל מעהר סאציאליסטישע אסעמבלימען.

עס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט אויפצופאסען, אז די רעפובליקאנישע און דעמאקראטישע פאליטישענס, וועלכע האבען געשטימט פאר די ארויסווארפונג פון די סאציאליסטישע אסעמבלימען, און וועלכע לויפען איצט ווידער אמאל, זאלען ווערען אזוי געשלאגען, אז זיי זאלען ווירקליך דערפיהלען דעם גרויסען צארן פון די גרויסע מאסען. מיר ציהען די באזונדערע אויפמערקזאמקייט אויף דעם טכשיט סקווילייר, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט דורך זיינע הערצערייען געגען די סאציאליסטען, און געגען וועמען עס לויפט א נוסער איבערגעבענער סאציאליסט, גענאסע טובים. סקווילייער מוז קריגען די שטארקסטע חמן־מפלה, און גענ. טובים מוז ערוועהלט ווערען מיט דער גרעסטער מעגליכער מאיאריטעט.

יע, וועגען דעם איז ניט נויטיג פיעל צו ריידען. מיר ווילען אבער יע ריידען וועגען צוויי אנדערע פערזאנען, וועלכע זיינען אין בעסטען און שעהנסטען זין טאקע א ו נ ז ע ר ע קאנדידאטען, — קלאוקמאכער קאנדידאטען, און וועמען מיר מוזען העלפען אויסערוועהלען.

מיר ריידען דא, איהר פארשטעהט דאך שוין אליין — פון

מאריס הילקוויט און מאיר לאנדאן.

וועמען, וועמען, אבער די קלאוקמאכער דארפען מיר ניט דערצעהלען, ווער מאריס הילקוויט און ווער מייער לאנדאן זיינען, און וואס זיי האבען אויפגעטאן פאר דער קלאוקמאכער יוניאן.

מיר האבען איינמאל אויף א קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל געהערט, ווי פרעזידענט שלעזינגער האט פארגעשטעלט מאריס הילקוויט.

און אט זיינען זיינע ווערטער: „און איצט האב איך די עהרע און דעם גרויסען פארגעניגען פארצושטעלען פאר אייך דעם אמת'ען פיהרער פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל, פריינד און גענאסע מאריס הילקוויט".

שלעזינגער'ס ווערטער האבען געפונען דעם טיפסטען אפקלאנג אין די הערצער פון דער גאנצער גרויסער קאנווענשען. זי האט געוואוסט, אז שלעזינגער'ס כאראקטעריזירונג פון מאריס הילקוויט, אלס דעם פיהרער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, איז געוועזען ניט אויף א האר איבערטריבען. זי האט געוואוסט, אז פאר יאהרען און יאהרען האט די יוניאן גאר ניט אונטערנומען אהן הילקוויט'ס עצה און אהן זיין דירעקטער באטייליגונג אין אליץ, וואס האט די יוניאן באטראפען, סיי אין פריידען און סיי אין ליידען.

מאריס הילקוויט איז ניט קיין מעמבער פון דער יוניאן, איז קיינמאל קיין קלאוקמאכער ניט געווען, האט קיינמאל ניט געהאט קיין אפיציעלען אמט אין איהר, אבער פאר אליץ, וואס ער האט געטאן אין דער יוניאן און פאר איהר, קען ער באטראכט ווערען מיט פולען רעכט אלס איהר אייגענער, און מיר קענען זיך ניט פארשטעלען קיין קלאוקמאכער, וועלכע עס זאלען ניט זיין זיינע פאליטישע איבערצייגונגען, וועלכער זאל ניט שטימען פאר מאריס הילקוויט, דעם קלאוקמאכער.

און דאס זעלבע קענען מיר זאגען וועגען מייער לאנדאן, וועלכער האט יאהרען און יאהרען פון זיין לעבען און טעטיגקייט געווידמעט דער קלאוקמאכער יוניאן, ניט דער גרויסער, ערפאלגרייכער קלאוקמאכער יוניאן, נאר דער קליינער, שוואכער, זיך ראנגלענדער מיט'ן טויט, און וועלכע פיהלט צו איהם ניט אומזיסט אזא איניגע ליעבע און פריינדשאפט.

עס איז געוועזען די קלאוקמאכער יוניאן, וועלכע האט איהם צוויי מאל נאכאנאנד געהאלפען אויסערוועהלט צו ווערען אלס קאנגרעסמאן. ער איז דער שטאלץ און ליעבלינג פון אלע ארבייטער, פון אלע דענקענדע מענשען, אבער מעהר פון אלע אנדערע איז ער עס פון דער קלאוקמאכער יוניאן. אין די פאריגע וואהלען, ווי עס ווערט אלגעמיין צוגעגעבען, האט טעמעני איהם פשוט באגנב'עט, און זיין פלאץ האט פארנומען דער נאטארישער גאלדפאגעל. צוויי יאהר איז דער אידישער ניו יארק געווען אהן א קאנגרעסמאן, צוויי יאהר נאכאנאנד איז דאס גאנצע ארבייטער־פאלק געבליבען שטום אין קאנגרעס, ווייל עס איז ניט געווען קיינער, וואס זאל זאגען א ווארט פאר איהם. צוויי יאהר נאכאנאנד האט זיך ניט געהערט אין קאנגרעס קיין אמת'ע ווארט, קיין קלוג ווארט, קיין ווארט, וואס קומט פון הארצען, ווייל טעמעני האט באגנב'עט די שטימען פון מייער לאנדאן און האט אויף זיין פלאץ אריינגעשיקט דעם שטומען גאלדפאגעל, אויסגעשטאפטען פויגעל.

איצט זיינען די קלאוקמאכער פון ניו יארק. ענטשלאסען, אז צוזאמען מיט מייער לאנדאן זאל אריינקומען אין קאנגרעס אויך מאריס הילקוויט.

מען דארף זיך נאר פארשטעלען, ווי דער קאנגרעס האט אויסגעזעהן ביז איצט, און ווי ער וועט אויסזעהן ווען אונזערע ביידע קאנדידאטען, הילקוויט און לאנדאן, וועלען זיך לאזען הערען דארט, אז יעדער קלאוקמאכער זאל אנווענדען אלע זיינע כחות, אז דאס זאל געשעהן, אז די שעהנע פארשטעלונג זאל ווערען נאך א טויזענד מאל שעהנערער פאקט.

און אונזערע קלאוקמאכער פארשטעהען עס. נאך קיינמאל, קיינמאל האבען די קלאוקמאכער ניט געארבייט מיט אזא חשק, מיט אזא ברען. אין די קלאוקשעפער איז שוין ביז איצט געזאמעלט געווארען בלויז פאר דעם הילקוויט־ און לאנדאן־קעמפיין; ניט קיין קלענערע סומע ווי 10 טויזענד דאלאר. און די דאזיגע טעטיגקייט איז געווען דורך און דורך

דער יעהרליכער צוזאמענקונפט פון „טריידס און לייבאר קאנגרעס" פון קענעדע

פון י. שובערט.

דער 36טער יעהרליכער „טריידס און לייבאר קאנגרעס" פון קענעדע, האט זיך געעפענט אין ווינדזאר, אנטאריא, דעם 13טען סעפטעמבער און האט זיך גע־ענדיגט דעם 18טען סעפטעמבער *). דער היי־יאהריגער קאנגרעס האט ארויסגערו־פען די באוואונדערונג פון אלע קאפיטא־ליסטישע צייטונגען. מעהר ווי מיט א וואך צייט האבען די צייטונגען געדרוקט קארטונס און געשריבען עדיטאריעלס, לויבענדיג ביז אין הימעל די פיהרער פון קאנגרעס, וועלכע מיט זייער איינפאכען שכל און קלוגע מעטאדען האבען ווידער דערשטיקט די „ראדיקאלען", די, וועלכע ווילען אריינשלעפען דעם „קאנגרעס" אין פאליטיקס, אין אינטערנאציאנאלע פרא־גען און אויך אין אנדערע טראבעלס וואס קענען שאדען דעם פרעסטידזש פון קאנ־גרעס, וועלכען ער האט זיך מיט גרויסע מיה ערווארבען אין די אויגען פון אונזער רעגירונג און גרויס־קאפיטאל.

אנשטאט אכט הונדערט (800) דע־לעגאטען ווי אין פריהערדיגע יאהרען, זיינען געשיקט געווארען בלויז 530 דע־לעגאטען. אבוואהל די מעמבערשיפ פון קאנגרעס איז געוואקסען פון 160,605 לעצטען יאהר צו 173,463 מעמבערס דאס יאהר, און די איינגאמע פון $41,786.86 צו $46,827.32 דאס יאהר. דאס שיקען פון ווענינער דעלעגאטען ערקלערט זיך טיילוויז דורך דעם, וואס די וועסט האט מעהר ניט געשיקט ווי 24 דעלעגאטען, און די מיינערס פון נאווא סקאשיא האַ־בען ניט געשיקט זייער פולע „קוואטא", ווי זיי זיינען בארעכטיגט.

ווי געוועהנליך זיינען די ערעפנונגס־רעדעס געהאלטען געווארען פון „גרויסע פערזענליכקייטען". ערשטענס, פון דעם טשערמאן פון דעם טריידס און לייבאר קאונסיל פון די „בארדער סי־טיעס", דאן פון דעם מעיאר פון ווינד־זאר, פון דעם פארשטעהער פון דער „באארד אף טרייד און קאמערס", פון דעם לאקאלען מעמבער אף פארלאמענט (פון דער ליבעראלער פארטיי), פון דעם לייבאר מיניסטער פון דער פראווינץ אנ־טאריא, וואס איז אויך געווען א דעלעגאט צום קאנווענשאן ווי אויך אונזער פרעמ־יער מיניסטער, האנארייבל מר. ארטהור מיהען.

איידער דער מיניסטער איז אנגעקו־מען האט זיך א ביסעל גע'רעש'ט. דע־לעגאטען האבען געפרעגט ווער עס האט איינגעלאדען דיזען „ארבייטער פרעסער" אבער אזוי שנעל ווי מען האט זיך דער־וואוסט אז דער ווירדיגער פרעזידענט אליין האט איהם איינגעלאדען, איז אלעס שטיל געווארען. און אונזער פרעמיער, וועלכער איז געקומען צו זיין הויכער שטעלע, דורך זיין שטעלונג צו וויניפע־גער גענעראל סטרייק, און זיין שווערע מיה ארייגצוזעצען אין געפענגניס די 7 סטרייק־פיהרער, האט אדרעסירט די פארזאמלונג. עס מוז געזאגט ווערען צום קרעדיט פון דעם פרעמיער, אז ער האט גערעדט אפענהערציג. ניט געבע־טען זיך, ניט צוגעזאגט עטוואס, ער האט גערעדט ווי עס פאסט זיך פאר אזא ארים־טאקראט ווי ער איז. גליקליכערווייזע האבען די דעלעגאטען קיין אנדערע „גרוי־סע" מענשען ניט בארארפט הערען. מען איז דאן צוגעטראגען צו ביזנעס.

איידער איך גיב איבער איינינע פון די וויכטיגע רעזאלוציעס ווי אויך זייער שיקזאל, וויל איך דא דערמאנען אז מיר האבען געהאט 5 פראטוירנעל דעלעגא־טען. וויליאם ג. שעי פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אף לייבאר, וועלכער האט גערעדט זייער איינפאך און אפענהער־ציג, ערקלערענדיג די פארזאמלטע אז ער האט אין דער ווירקליכקייט ניט גע־וואוסט די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון קאנגרעס און איז געקומען זיך אבי־סעל אמוזירען, נאר אין דער צוקונפט וועט ער וויסען און שעצען די עהרע וואס מען האט איהם געגעבען. אויך האט ער זיך באקלאגט אויף די שוועריגקייטען צו אר־גאניזירען די ארבייטער אין ווירדזשיניא און אין קענטאקי, און אז ער האפט אז אין קורצען וועט פארט געלינגען צו פאר־בעסערען די לאגע פון די ארבייטער פון דיזע שטאאטען.

מיס קעטצין דערי, וועלכע האט רע־פרעזענטירט די „אינטערנעשאנאל קאנ־גרעס אף וואירקינג וואימען" האט אין א שעהנע רעדע אנגעוויזען אויף די שווע־ריגקייטען וואס מען האט באגעגנט אויפ'ן וועג פון ארגאניזירען אזא פאר־באנד און האט אפעלירט פאר שטיצע.

מרס. מייבעל גילעספיע, פון „ווי־מענ'ס טרייד יוניאן ליעג" האט אין א זעהר לעבעדיגער שפראך געשילדערט די לאגע פון די 12 מיליאן פרויען וועלכע ארבייטען פאר א שקלאפען־לוין אין די פאראייניגטע שטאאטען. זי האט אנגע־צייגט ווי ווענינ מען האט ביז יעצט אויפ־געטאן פאר די פרויען ארבייטער אוי־סער די יוניאנס און אויך פאר די וועל־כע זיינען אין די יוניאנס, און געענדיגט מיט אן אפיעל אז מען זאל ארגאניזירען אלע ארבייטער פרויען אום צו קענען שאפען א שעהנערע צוקונפט פאר דער מענשהייט.

עס האבען גערעדט געגאסע ברייך פון דער מישיגען פעדערעישאן אף לייבאר, מר. שטילמען פון דער טימשערס אסס'ן, און אויך דזש. ס. דייווידסאן, מעמבער אף פארלאמענט פון שעפילד, ענגלאנד, וועלכער האט פארטראטען דעם בריטיש טרייד יוניאן קאנגרעס.

איך האב געהאט די געלעגענהייט צו הערען פיער פראטוירנעל דעלעגאטען פון דעם „טרייד יוניאן קאנגרעס פון ענג־לאנד", און יעדער איינער פון זיי האט אויף מיר געמאכט א טיפען איינדרוק. דייווידסאן איז קיין אויסנאהם ניט. זיין שארפער ארויסטרעטען געגען דער אימפעריאליסטישער פאליסי פון דער ענגלישער רעגירונג און ספעציעל זיין חוזק מאכען פון ווינסטאן טשוירטשהיל, דער קריעגס מיניסטער פון ענגלאנד, וועלכער האט ניט לאנג צוריק געמאכט א סטייט־מענט אז די ענגלישע ארבייטער זיינען ניט פעהיג צו רעגירען דאס לאנד, האט יעדען צוהערער צוטרייסעלט. זיין שטי־מע האט געדונערט ווען ער האט געזאגט אז די לאנד־בארא'נען קענען מעהר ניט רעגירען דאס לאנד; אז מיט זייערע מע־טאדען האבען זיי באנקראטירט און גע־בראכט שאדען צום פאלק, און אז איצט איז געקומען די צייט ווען ארבייטער וועל־לען רעגירען דאס לאנד צום נוצען פון גאנצען פאלק. ער האט אויך געווארענט געגען דירעקטע אקציאן אליין, און אנ־געוויזען אז עס קאסט ביליגער און עס העלפט זיכערער אין ארבייטער קעמפע צו נוצען די פאליטישע קעמפע.

דורך דער גאנצער צייט וואס דער קאנגרעס האט געהאט די זיצונגען האט זיך געפיהלט א באריטענגרער קאנסער־וואטיזם.

דער הערשענדער גייסט פון דעם קאנ־גרעס האט געשטימט מיט דעם גייסט פון די „סיוויל סירוואנטס", וועלכע זיינען ווענינ באצאהלט, טארען ניט סטרייקען, און מוזען אנווענדען מיטלען אין אנ־קלאנג מיט זייער שוואכקייט, ד. ה., בע־טען אז מען זאל זיי אויסהערען און מענ־ליך אזוי באקומען וואס עס קומט זיי.

עס זיינען פארשיידענע אזעלכע רע־זאלוציאנען פארגעקומען ווי אויך איינינע פון ראבער און צוקער ארבייטער, וועלכע בעטען דעם קאנגרעס צו פארלאנגען פון דער רעגירונג צו אפאינטען קאמיסיעס צו אונטערזוכען זייערע ארבייטס־באדינ־גונגען, ווייזדזשעס א. ד. גל. און אזוי ארום פארבעסערען זייער לאגע. עס זיי־נען אריינגעבראכט געווארען רעזאלו־ציעס פון פיינטערס, וועלכע באקלאגען זיך אויף די שפריץ־מאשינען, וועלכע מיינען א פריה־צייטיגען טויט פאר די פיינטער־ארבייטער, ווי אויך רעזאלוציעס וועגען אנשטעלען אינספעקטארען, וועל־כע זאלען אכטונג געבען אז די סקעפאלדס זאלען זיין בעסער געמאכט, ווי אויך צו פארוועהרען וואוד אלקאהאל אין דער פארם ווי מען פארקויפט עס היינט.

געוויס זיינען די אלע אזעלכע רעזא־לוציעס שנעל דורכגעפיהרט געווארען, ווייל אויב ניט בעטען און אפעלירען צום פארלאמענט יעדען מאל ווען ארבייטער ווילען פארבעסערען זייער לאגע, טא צו וואס דארף מען אין גאנצען דעם קאנ־גרעס?

עס איז אנגענומען געווארען א רע־זאלוציע צו בעטען דער רעגירונג איינ־צופיהרען אן 8 שטונדיגען ארבייטס־טאג געזעץ אין די געזעץ ביכער, ווי אויך איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע וועלכע פארלאנגט אז די רעגירונג זאל אנווענדען דעם „לעמיו דיספיוט אקט", (וועלכער צווינגט די ארבייטער פון די „פאבליק יוטיליטיס" צו געבען נאטיס 60 טעג צו דער רעגירונג איידער זיי גע־העז סטרייקען, ווי אויך די באסעס, — איידער זיי געהען מאכען א לאק־אוט), צו אנדערע פאכען.

מערקווירדיג איז, אז פאר די לעצטע 10 יאהר האבען ארבייטער באקעמפט דיזען אקט, און יעצט פארלאנגט מען אז מען זאל איהם אנווענדען מעהר ווי פרי־הער, דאס צייגט די שוואכקייט פון די ארבייטער.

אלע רעזאלוציעס וועלכע זיינען פון א כאראקטער וועלכע צייגען אז די אר־בייטער זיינען פארבערייטעט צו דולדען ווייטער און פארלאזען זיך אויף דער גוט־הערציגקייט פון די הערשער, זיינען כמעט איינשטימיג דורכגעפיהרט געווארען. אנ־דערש אבער איז געווען מיט די רעזאלו־ציעס וועלכע האבען פרובירט צו דער־הויבען דעם קאנגרעס צו דער שטופע צו וועלכער ער וואלט געדארפט שטעהן, און ווי ער איז עס שוין געווען בעפאר דעם יאהר 1918, איידער דער יעצטיגער פרע־זידענט איז ערוועהלט געווארען.

דער טאראנטער טריידס און לייבאר קאונסיל" האט אריינגעשיקט די פאלגענ־דע רעזאלוציעס:

ערשטענס, צו באטייליגען זיך אין פאליטישע אקציאן; צווייטענס, זעלבסט־באשטימטקייט פאר אירלאנד; דריי־טענס, צו פארמירען א מעהר אינדוסט־ריעלע פארם פון ארגאניזאציע; פער־טענס, צו עטאבלירען קאאפעראטיווען און צו דעם צוועק זאל דער קאנגרעס ביי־שטייערען $5,000; פינפטענס, צו טאן אלעס מעגליכעס אום אפצוהאלטען די מלחמה געגען סאוועט־רוסלאנד; זעקס־טענס, צו אונטערזוכען וואס דער פי־נאנץ־מיניסטער מר. ס. מ. דרייטער האט געטאן מיט די פופציג טויזענט דאלאר,

*) דורך א צופאל איז דיעזע אינטע־רעסאנטע קארעספאנדענץ ערגעץ פארלעגט גע־ווארען אויף דער פאסט. אבער ווי וויט מיר ווייסען, איז אין דער היגער פרעסע וועגען דעם קאנגרעס גאנץ ווייניג באריכטעט גע־ווארען און די קארעספאנדענץ איז היינט פונקט אזוי אינטערעסאנט ווי מיט א פאר וואכען צוריק. — רעדאקציע.

זיך געשטילט דעם דארשט און זיך אוועק־געזעצט אונטער א בוים, אפרוהען און אונטערלעהענען דאס הארץ.

ווען ער האט זיך אפגערוהט, אונטער־געלעהנט דאס הארץ און אפגעבענשט, האט ער געוואלט ווייטער געהן, זיך דער־שלאגען ערגעץ־וואו אויף נאכט־לעגער, האט ער זיך אבער דערמאנט אז עס איז שוין מנחה־צייט, האט ער זיך ווידער גע־וואשען די הענט אינ'ם ריטשקעלע און האט זיך אוועקגעשטעלט נעבען א בוים דאווענען מנחה.

קינדערלעך, איהר ווייסט וואס דאס הייסט אייגער אליין אין א וועלדעל פאר־נאכט גאט בעטען אונטער א בוים? ארום און ארום פיסטשען די פויגעלעך, טריי־לען די קאנעריקלעך, זשומען די היישערי־קען, די ביהנען, די זומער־פויגעלעך, און צווישען גראז האלט זיך אין איין באוועג־גען מוראשקעס, ווערעמלעך, זשוקעס, און פארשידענע רמשים. און די בוי־מער שאקלען זיך, און די בלעטער שארש־קען, און דאס ריטשקעלע דערביי זשר־זשעט. דאס הארץ, די נשמה און אלע אברים אפילו, קריגען דענסטמאל אן עליה. דו דאווענסט און אלעס דאווענט מיט דיר מיט, און דו פיהלסט אז דו ביסט איינגעוועבט אין דער בריאה, און די בריאה אין דיר, און דו ווערסט אזוי נאהענט פון גאט, אז דו דערפיהלסט איהם מיט אלע דיינע חושים, מיט אלע דיינע רמ"ח אברים. גאט איז אין דיר, און דו ביסט אין גאט!

אט אזוי האט דענסטמאל דער פעטער ישראל־משה געפיהלט דאווענדיג. און פלוצים, ווען דער פעטער ישראל־משה האט שוין געהאלטען ביי „עלינו" האט זיך מיט אמאל פארכמארעט דער הימעל, און פון ערגעץ־וואו האט זיך ארויסגערי־סען א ווינט, און דער ווינט איז געווארען וואס אמאל שטארקער; גאנצע הורדעס מיט זאמד און מיט שטויב האט ער מיט זיך געטראגען, און די בוימער אין וועל־דעל האט ער [illegible] פון די ווארצלען גע־ריסען. אין וועלדעל איז געווארען א מהומה, מיט א רעש, מיט א געפילדער, אזוי ווי טויזענדער שדים און מכשפות וואלטען זיך פארמאסטען די וועלט אומ־צוברייגגען. און דער הימעל איז געווא־רען וואס אמאל שווארצער און שווער־צער. און מיט אמאל האט זיך געגעבען א שנייד דורך א בליץ, אזוי ווי ער וואלט דעם שווארצען הימעל אויף צווייען צו־שפאלטען. און באלד האט געגעבען א קראך א דונער, און איין בליץ נאכ'ן אנ־דערען, און איין דונער נאכ'ן צווייטען, און דער ווינט אין מיטען ה־ה־אוה! ה־ה־אוה! אט, אט און די גאנצע וועלט ווערט חרוב! און עס גיט א בראך אוים א רעגען, א שטורעם, א מבול! אלע טוי־ערען פונ'ם הימעל האבען זיך צועפענט. און דער ווינט אזוי ווי מען וואלט אלע מחבלים פונ'ם גיהנום באפרייט; ער ברעכט צווייגען, ער רייסט, ער שטו־רעמט!...

און דער פעטער ישראל־משה, שטעהט א צוזאמענגעקארטשעטער, א צוזאמענ־געדרעהטער, דער ווינט רייסט די פאלעס פון זיין אטלעסנער קאפאטע, די בארד און צופלאכטען, און א דורכגעווייקטער, א נאסער ביז'ן ביין, דערפיהלט ער אז אין הארצען ביי איהם יאוועט זיך ערגעץ א חרטה. אבער ער דערלאזט ניט. ער איז זיך מתגבר און שרייט אויס מיט אלע כחות אינ'ם שטורעם אריין: נא־טעניו, איך ווייס אז דאס שטעלסטו מיך צום נסיון! דאס איינגאנצען איז מעשה שטן. אבער, ער וועט נים אויספיהרען. מעג ער די גאנצע וועלט דיינע חרוב מא־כען, איך מוז, און איך וועל זיין אויף קבר אבות!

און ווייסט איהר וואס, קינדערלעך, עס איז געווען? באלד, בזה הרגע, איז דער ווינט שטיל געבליבען, דער הימעל האט זיך אפגעריינינט, און פון ערגעץ־וואו האט זיך ארויסגעיאוועט א בריטש־קע מיט א פאר ברענענדיגע פערד, און אין בריטשקע איז געזעסען א פריץ, און דער פריץ שרייט אזוי אוים צו איהם, אויף זיין לשון: ישראל־משה, וואוהין געהסטו? אפשר קיין פיטשערי? זעץ זיך אויף, איך פאהר אויך קיין פיטשערי. און ער געהט אליין אראפ, דער פריץ פון דער בריטשקע, און נעהמט איהם אונטער דער האנט, און זעצט איהם נעבען זיך אוועק אויבען־אן, און הייסט דעם פוהר־מאן אנטרייבען. און די פערד, אזוי ווי צוויי אדלערס, צעלאזען זיך, אז ממש זיי שלינגען די ערד אונטער זיך!

דער פעטער ישראל־משה זיצט און קוקט פאר'חידוש'ט אויפ'ן פריץ: „ווער ביסטו ארוני פריץ?" ענטפערט איהם דער פריץ: „וואס הייסט, דו קענסט מיך ניט? איך בין דאך פאן לאכמיצקי."

און דער פעטער ישראל־משה קוקט ווייטער אויף איהם און קנייטשט מיט'ן שטערען: „פאן לאכמיצקי", עפעס נאר ניט קיין קענטליכער נאמען. אבער דער פריץ איז איהם מבטיח אז ער קען איהם. וואס הייסט דו קענסט ניט, ישראל־משה, פאן לאכמיצקי, דער קניאז פון דער מע־דעשיווקער אימעניע?

און ער פארפיהרט איהם אויף ביי־נאכט אין א שלאס, וואס איז אזוי גרוים, וואס פארנעהמט א וועלט, און אינוועניג אזעלכעס, וואס עין לא ראתה; מיט סא־מעט באשלאגענע ווענט, געזעצט מיט בריליאנטען, און מיט פענסטער פון גא־לע סאפיר, ממש אז זיי כאפען דאס אויג פון גלאנץ און פון שעהנקייט. און ער נעהמט איהם ארומפיהרען פון איין חדר אינ'ם אנדערען, אפשר הונדערטער חדרים, מיט אזעלכע מיני געשניצטע טיי־ערע מעבעל, געדעקט מיט סאמעט און מיט זייד, און מיט אזעלכע מיני זילבער־נע און גילדערנע כלים. איין חדר שעה־נער פונ'ם אנדערען, ממש אז די אויגען בלענדען און אין קאפ שווינדעלט.

און נאכדעם זאגט ער איהם: הער אוים ישראל־משה! נעכטיג דא ביי מיר איבער, און מארגען פיהר איך דיך אפ קיין פיטשערי. איידער אבער מיר וועלען פאהרען, וועט דיך מיין פוהרמאן צופיה־רען אט דא ניט ווייט צו פאן זיליעסקי, און זאלסט מיט איהם א שמועס טאן מכח מיין שיפיטאווקער וואלד. זאלסט איהם בלויז זאגען אז איך וויל דעם וואלד פארקויפען און איך וויל פאר איהם דרייסיג טויזענד רובעל. ער וועט איהם געוויס קויפען, און דו קריגסט ביי מיר דריי טויזענד רובעל מעקלעריי.

און אזוי, קינדערלעך מיינע, איז גע־ווען: ער האט איבערגענעכטיגט אין א חדר, וואס זאל איך אייך זאגען? ווער קען דאס אפמאלען און ווער קען דאס איבערדערצעהלען! מיט א מין בעט, מיט מיני בעט־געוואנט, מיט קאלדרעס, מיט ציכען, זייד, סאמעט! וואס, ווער, ווען! דאס איז קיין ווערטער ניט! דאס איז געווען אזעלכעס, וואס נאר ביי קיי־סארים, ביי מלכים זעהט מען עס אפשר. און באלד אין דערפריה האט ער געמאכט די קניאה מיט וואלד. און ווי אזוי מיינט איהר? אין זעקס ווער־טער! אויפ'ן פלאץ געכאפט דריי טוי־זענד רובעל במזומן און אנגעקומען צו אונז קיין פיטשערי איז ער, עס האט אפילו קיין טאג ניט געדויערט! — קפיצת הדרך געהאט!

און ווער מיינט איהר, קינדערלעך, איז געווען דער פאן לאכמיצקי? ניט ער האט איהם געקענט, ניט ער האט איהם געוואסט — אליהו הנביא איז דאס געווען!

אט דאס איז, קינדערלעך, דער שכר פון „קבר אבות" אויף ד ע ר וועלט, היינט ערשט אויף י ע נ ע ר וועלט!...

די יוניאָנס אין דער בוי-אינדוסטריע

(צו די סענסאציאָנעלע אויפדעקונגען פון דער לאָקוואוד קאָמיטע).

פון ג. בוכוואלד

אײנער פון די אויפטוען פון דער ספע־
ציעלער זיצונג פון דער ניו יארקער
אסעמבלי און סענאט איז געווען צו בא־
שטימען א קאמיטע, וואס זאל אונטער־
זוכען די קלאגנגען און אינדירעקטע בא־
ווייזען, אז אין די בילדינג טריידס עק־
זיסטירט א טראסט פון קאנטראקטארס
און געשעפטסלייט וואס שטעלען צו מא־
טעריאלען פאר די בילדינגס און אז דער
דאזיגער טראסט קאנטראלירט דאס בויען
פון נייע הייזער. נאך און נאך חטאים
זיינען אויסגערעכענט געווארען געגען דעם
נאך ניט ענטדעקטען טראסט, אבער אלע
חטאים ווערען אריינגענומען אין דעם
ווארט — פראפיטירינג. אלזא, א פרא־
פיטירינג טראסט אין די בילדינג טריידס,
אין דער בוי אינדוסטריע.

לעצטע וואך האבען זיך אנגעהויבען
די זיצונגען פון דער דאזיגער קאמיטע
אונטער דער לייטונג פון דעם באקאנטען
ארוואקאט סעמועל אונטערמייער. וואס
אזא קאמיטע און אזא אונטערזוכונג קען
אויפטאן אויף דעם געביט פון ל י י ז ע ן
די וואוינונגס־פראגע — דאס בלייבט צו
זעהן, כאטש מען קען אהן ריזיקע נביאות
זאגען, אז אויפטאן וועט זי פאקטיש גאר־
נישט. אבער איין זאך האט זי שוין יא
אויפגעטאן: זי האט אנגעמאכט א רושם,
באשאפען א גרויסע סענסאציע און דעם
מאל איז די סענסאציע נישט קיין גע־
מאכטע, נישט קיין געבלאפטע, נישט קיין
ציימונגס־סענסאציע, באשאפען פון אי־
בערפלייסיגע רעפארטערס, נאר אן אמת'ע
סענסאציע, א סענסאציע מיט אלע קלי־
פערלעך, א סענסאציע מיט דעם פארברע־
כערישען און סקאנדאליזען עלעמענט
פון גרעפט, פארשווערונג, קארופציע א.
אז. וו.

מיר וועלען זיך דא נישט אפשטעלען
אויף די אויפדעקונגען וואס זיינען גע־
מאכט געווארען אין באצוג צו דער עק־
זיסטענץ פון א טראסט אדער טראסטס
אין דער בוי אינדוסטריע, הגם די דא־
זיגע אויפדעקונגען ציינען אונז נאך א כא־
ראקטעריסטישען שטריך פון דער מאדער־
נער ביזנעס־וועלט. אויף וואס מיר ווי־
לען זיך דא יא אפשטעלען איז אויף דעם
סקאנדאל, וואס ריהרט אונז אן א ביסעל
נעהנטער, אויף דעם פאמיליען־סקאנדאל,
אזוי צו זאגען, אויף דעם סקאנדאל, וואס
האט א שטיקעל שייכות מיט דער אר־
גאניזירטער ארבייטער באוועגונג אין ניו
יארק. ס'איז ארויסגעבראכט געווארען,
אז א געוויסער קאנטראקטאר האט בא־
צאהלט 25 טויזענד דאלאר צו איינעם
אדער צוויי יוניאן־פיהרער, אז זיי זאלען
צוריקרופען דעם סטרייק אויף א געווי־
סער בילדינג. כאטש דאס איז נישט בא־
וויזען געווארען אויף זיכער, איז אבער
דער איינדרוק זעהר שטארק, אז דער פרע־
זידענט פון דעם בילדינג טריידס קאונ־
סיל, ברינדעל, איז דער יעניגער, וואס
האט באקומען דאס געלד און פארקויפט
דעם סטרייק.

אז די ציימונגען האבען צופויקט די
געשיכטע דארף מען קוים זאגען. די ציי־
טונגען וואלטען צופויקט אזא געשיכטע
אפילו ווען זי זאל נישט דיסקרעדיטירען
אן ארבייטער פארשטעהער. פאר דער
סענסאציע אליין וואלטען זיי זי צופויקט.
היינט, אז דאס שמעקט נאך מיט סקאנ־
דאל, אז מען האט א געלעגענהייט צו לע־
גען אין דער ערד אריין די יוניאנס און די
ארבייטער פיהרער, איז דאס אודאי א
יום טוב. פון דעם טאן פון די ציימונ־
גען באקומט זיך דער איינדרוק אז די יונ־
יאנס פון דער בוי אינדוסטריע זיינען קא־
רופט, און דער אלגעמיינער לעזער, וועל־
כער טראכט זיך בכלל נישט אריין אין
אזעלכע זאכען, מאכט ביי זיך אפ, נא־
טירליכערווייזע, אז אלע יוניאנס זיינען
קארופט.

די אונטערזוכונג שאפט דעריבער ביז
צו א געוויסען גראד שעדליכע פראפא־
גאנדע געגען דער ארגאניזירטער ארביי־
טערשאפט פון ניו יארק און ממילא שוין
פון דעם גאנצען לאנד. דאך וואלט עס
געווען אומגערעכט צו באהויפטען, אז
דאס איז דער צוועק, אדער אפילו איי־
נער פון די צוועקען פון דער לאקוואוד
אונטערזוכונגס קאמיטע. מר. סעמועל
אונטערמייער, וועלכער די קאמיטע האט
איינגעלאדען אנצופיהרען די פארהערען,
איז נישט פון די מענשען, וואס וועט אנ־
פיהרען אן עפענטליכען געיעג אויף יונ־
יאנס. ער איז צו אנשטענדיג דאס צו
טאן. די סקאנדאליעזע געשיכטע מיט די
25 טויזענד דאלאר איז בלויז א נעבען־
זאך, א שטיק „עווירענס", וואס ווארפט
א ליכט, בעסער געזאגט — א שאטען
אויף די באציהונגען צווישען די יוניאנס
און די באסעס אסאסיאיישאנס אין דער
בוי־אינדוסטריע.

עס קען קלינגען ווי א קאזיאנער
[illegible], אבער ס'איז ווירקליך א גר־
מע זאך, ווירקליך א טובה פאר דער אר־
בייטער באוועגונג וואס דער דאזיגער
גרעפט סקאנדאל איז אויפגעדעקט געווא־
רען. נישט דערפאר, וואס מ'האט געפו־
נען דעם שולדיגען און איהם באשטראפט
און באזייטיגט פון דער באוועגונג. ווען
דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען איין
שולדיגען, וועגען א פערזאן, וואלט די
גאנצע אנגעלעגענהייט נישט געווען אזוי
ערנסט און ס'וואלט נישט געווען כדאי
זיך אויף איהר אפשטעלען: גנבים און
אומעהרליכע פערזאנען געפינט מען אי־
בעראל, אין יעדער באוועגונג, אויף יעדען
געביט פון געזעלשאפטליכער טעטיגקייט.
אין דעם באטרעפענדען פאל איז אבער
די קארופציע נישט קיין פערזענליכע, זי
איז כאראקטעריסטיש נישט פאר דער
איינצעלנער פערזאן, נאר פאר דער סיס־
טעם, פאר דער ארגאניזאציע פון די ביל־
דינג־טריידס, פאר דעם טיפ יוניאנס וואס
די בילדינג טרייד יוניאנס שטעלען מיט
זיך פאר.

די באאמטע פון די יוניאנס אין די
בילדינג־טריידס האבען קיינמאל נישט
געהאט, אלס א גרופע, קיין זויבערע רע־
פוטאציע. דאס איז אן אפענער סוד, וואס
מען קען דאס ארויסזאגען אהן מורא צו
באליידיגען די באטרעפענדע יוניאנס. די
באאמטע פון די דאזיגע יוניאנס האבען
נישט פארדיענט קיין זויבערע רעפוטא־
ציע, זיי האבען נישט געקענט האבען קיין
זויבערע רעפוטאציע, ווייל די מאכט,
וואס זיי האבען געהאט אין זייערע הענד,
די כמעט אומפאראנטווארטליכע מאכט,
האט געמוזט פיהרען דערצו, אז די מאכט־
האבער זאלען פריהער אדער שפעטער פא־
לען קרבנות פון גרעפט און קארופציע.
האבען מאכט מיינט מיסברויכען מאכט.
דאס איז אן אלטער כלל, און אין קיין
ארגאניזאציע ציינט ער זיך נישט ארויס
אזוי בולט ווי אין די בילדינג טריידס.

אין די בילדינג טריידס אין ניו יארק
געפינען מיר א סך ראדיקאלע ארבייטער,
א סך פעהיגע פיהרער און — מעהר ווי
דורכשניטליך שטארקע ארגאניזאציעס, ד.
ה. ארגאניזאציעס וואס קאנטראלירען דעם
גרעסטען טייל פון זייערע באטרעפענדע
טריידס. צו דער זעלבער צייט אבער גע־
פינען מיר דאדט גראדע די חסרונות, גרא־
דע די פעהלער'ען, אויף וועלכע ס'ווייזען
אן די ביטערע שונאים פון דער א. פ. אוו
ל., סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס. „קאנ־
סערוואטיווע יוניאנס" רופט מען זיי גע־
וועהנליך אין אונזערע קרייזען, אבער זיי
זיינען מעהר ווי קאנסערוואטיוו, זיי זיי־
נען רעאקציאנער, אויטאקראטיש אין
זייער סאמע נעבוי, אין דער פארם פון
דער ארגאניזאציע, אין דער מאכט וואס
זיי גיבען דעם איינצעלנעם באאמטען.

די גרעסטע און געפעהרליכסטע מאכט,
וואס א ביזנעס איידזשענט האט אין די
מעהרסטע יוניאנס אין דער בוי אינדוס־
טריע, איז צו רופען און סטעלען לאקאלע
סטרייקס אויף זיין אייגענער פאראנט־
ווארטליכקייט, נישט אנפרעגענדיג זיך
ביי קיינעם וועגען די באריינגונגען סיי
פאר דעם רופען און סיי פאר דעם צוריק־
רופען פון א סטרייק.

דער שרייבער פון די דאזיגע שורות
האט געהאט א געלעגענהייט זיך נעהנ־
טער צוצוקוקען צו איינער פון די גרעס־
טע יוניאנס אין דער בוי־אינדוסטריע. ער
האט געזעהן ווי דער ביזנעס איידזשענט
קעניגט איבער דער רענק ענד פייל און
הערט דעם עולם בלויז אויף אזוי פיעל,
אויף וויפיעל ס'איז נויטיג פאר דעם קו־
מענדען עלעקשאן אין דער יוניאן. דער
ביזנעס איידזשענט איז א פאליטישען אין
דעם ערגסטען זין פון ווארט, און די „פא־
ליטיקס" אין דער יוניאן זיינען אויף א
האר נישט זויבערער ווי טעמעני פאלי־
טיקס, צום ביישפיעל. „געפיקסטע" בא־
לאטס, „געשטאפטע" באלאט־באקסעס,
„געפיקסטע" עלעקשאנס, „עלעקשאן־
דיעלס" צווישען די פיהרער מיט די איינ־
צעלנע מיטגלידער — דאס איז אזא גע־
וועהנליכע וואכעדיגע זאך אין דער דא־
זיגער יוניאן, אז מען רעדט וועגען דעם
אהן באזונדערער אויפרעגונג, ווי פון א
זעלבסט - פארשטענדליכער, אלטעגליכער
פאסירונג. ס'איז פונקט אזוי נאטירליך
דארט, אז עלעקשאנס זאלען זיין „גע־
פיקסטע", ווי ס'איז נאטירליך, אז ביז־
נעס איידזשענטס זאלען קריגען א מטבע
פון די באסעס. א ביזנעס איידזשענט,
וואס ענטזאגט זיך צו „נעהמען" ווערט
באטראכט פאר א „יאלד" פון די ארביי־
טער גופא, און די באסעס טענה'ן, אז עס
איז גאר נישטא אזא באשעפעניש. דאס
איז אפילו איבערטריבען, עס זיינען אפילו
יא דא אזעלכע באשעפענישען, אבער זיי
זיינען די אויסנאהמען. מעהרסטע ביז־
נעס איידזשענטס לויפען פאר'ן אמט,
ספענדען הונדערטער לויפענדיג פאר'ן
אמט, ווייל זיי ווייסען, אז ס'באצאהלט
זיך.

דער אלגעמיינער אידעאליסטישער
גייסט, וואס הערשט אין דער ראדיקא־
לער ארבייטער באוועגונג, פארהיט ביז צו
א געוויסען גראד עהנליכע ערשיינונגען
אין אונזערע יוניאנס. אבער אין אונ־
זערע יוניאנס איז דערפאר נישטא קיין
גרעפטערס אלס א שטענדיגער עלעמענט,
אלס א פראפעסיאנעלער טיפ, אזוי צו
זאגען, ווייל דער באאמטער האט נישט
קיין מעגליכקייט דאס צו זיין. דער איינ־
צעלנער באאמטער קען נישט רופען און
נישט סטעלען קיין סטרייק אהן פריהער־
דיגע מיטינגען מיט די פארשיידענע קא־
מיטעס, אהן פאלשטענדיגער עפענטליכ־
קייט. אין די בילדינג טרייד יוניאנס קען
עס אבער דער ביזנעס איידזשענט טאן.
ער קען „פול"ען א שאפ, און צוריקשיקען
די ארבייטער צווישען איין מיטינג פון
דעם עקזעקוטיווען קאונסיל און דעם צוויי־
טען. ער קאן, אויב ער געהערט צו דער
מאיאריטעט קליקע אין דעם קאונסיל,
טאן וואס ער וויל מיט וועלכען שאפ ער
וויל און פייפען אויפ'ן עולם. אויף אזא
באדען מוז וואקסען קארופציע — קא־
רופציע פון דעם איינצעלנעם באאמטען
און פון דער ארגאניזאציע אלס א גאנ־
צער. די מאכט פון דעם באאמטען מוז
פיהרען צו גיעריגער אמט־זוכעניש, און
גיעריגע אמט־זוכעניש מוז פיהרען צו קא־
רופטע מעטאדען, צו קארופטע עלעק־
שאנס, צו דער קארומפירונג פון דער גאנ־
צער „דעמאקראטיע" אין דער יוניאן.

דער ביזנעס איידזשענט האט נאך א
מאכט — ער קאנטראלירט פאקטיש די
דזשאבס פון די איינצעלנע מיטגלידער.
ער קאן געבען א דזשאב און אוועקנעה־
מען א דזשאב, און אזוי געבענדיג
דזשאבס און צוזאגענדיג דזשאבס און
סטראשענדיג מיט אוועקנעהמען דזשאבס,
געלינגט איהם אפט איבערצוגעווינען די
שטארקערע געגנער זיינע און איבערצו־
שרעקען די שוואכערע.

דער בילדינג טריידס קאונסיל, פון
וועלכען ברינדעל איז פרעזידענט, איז
א קערפערשאפט פון די ביזנעס־אייד־
זשענטס פון אלע יוניאנס אין דער אינ־
דוסטריע. „אלע" איז נישט גענוי, ווייל
אויס פאליטיק לאזט מען אייניגע יוניאנס
נישט צו און זיי שטעהען אויסער'ן געזעץ,
אזוי צו זאגען. דער קאונסיל ווערט זיך
פאר זיי נישט אנגענעהמען אין פאל זיי
האבען עפעס טראבעל אויף א בילדינג.
אין דער פראגע פון רופען סטרייקס האט
דער קאונסיל די העכסטע מאכט, ווייל
ער קאן אויף יעדער בילדינג רופען א
סטרייק פון אלע טריידס מיט א מאל.
ער קען דעריבער אויך נ י ש ט ר ו פ ע ן
אזא סטרייק, און דאס איז פונקט אזא
מאכט ווי די ערשטע. ער קען אויך צו־
ריקרופען א סטרייק, און וועגען דעם האנ־
דעלט זיך עס טאקע אויף דעם פארהער
פון דער לאקוואוד קאמיטע. ברינדעל
איז אין דעם קאונסיל וואס דער ערפאלג־
רייכער ביזנעס איידזשענט איז אין זיין
יוניאן — א צאר, א סאמאדערזשעץ, ווייל
דער קאונסיל איז געבויט אויף די זעלבע
יסודות ווי די איינצעלנע יוניאנס.

ס'איז ביטער צו שרייבען אזעלכע זא־
כען וועגען ארבייטער ארגאניזאציעס,
אבער די יוניאנס אין דער בוי אינדוס־
טריע האבען גענוג מיסט אויסצוראמען—
מיסט נישט אין פערזאנען, נאר אין דער
סיסטעם, אין דער קאנסטיטוציע זייערער,
וואס ערלויבט איינצעלנע פערזאנען צו
ווערען צארען און אריינצוברענגען די
גאנצע קארופציע און פארדארבענהייט
פון קליינליכער צארשטשינע.

אויף קבר אבות

(דערצעהלט בין השמשות פון א למיטשקען יידען צו די אייניקלאך).

איבערגעגעבען דורך
מ. שמואלזאהן.

זעהט איהר די אלע קינדערלעך ? גוט,
גוט אזוי! זעצט זשע זיך אוועק שטיל,
וועל איך אייך דערצעהלען. פריהער וועל
איך אנשטאפען מיין ליולקע — אט אזוי
א. נו, שוין. אז איך רויכער די ליולקע,
דערצעהלט זיך בעסער, קינדערלעך. דער
בלויער רויך פון דער ליולקע צוגעהט זיך,
צושפרייט זיך, און ווען איך קוק אין איהם
אריין, יאווען זיך פון ערגעץ זכרונות —
רויך און זכרונות, קינדערלעך, זיינען
מסוגל איינס צום צווייטען. ביידע קו־
מען זיי פון עפעס, וואס האט אין זיך גע־
האט חיות כח, חנון תמימה, פייער הייסט
עס. און ביידע גיהען זיי אוועק ערגעץ.
צושפרייטען זיך, לייזען זיך אויף און —
סטייען נים.

נו, אצינד, די ליולקע רויכערט זיך
שוין. פון וואס זשע זאל איך אנהויבען ?
פונ'ם פעטער ישראל משה'ן:

דער פעטער ישראל משה איז געווען
א איד — פיס־ס! היינטיגע צייטען זעהט
מען גאר נים אזעלכע אידען! עס איז
א קימא־לן אין דערינען שוין פון יאה־
רען. איך בין נאך דענסטמאלט געווען א
קאראפוזיק, אט אזוי גרוים, אזוי ווי דו־א.
שרעק זיך נים. וועסט אויך אמאל זיין
אן אלטיטשקער זיידע. און ער אויך, און
ער אויך. אפילו דו, דו קליינער קונדעס,
גיב א בעקעל גיב!... עס טוט וועה ?
נישקשה, עס וועט זיך פארהיילען —
אפילו דו וועסט אויך זיין א זיידע.

הערט־זשע: דער פעטער ישראל משה
איז דענסטמאל געווען א איד אין די פער־
ציגער. א הויכער, א ברייטער, מיט א
פארטראכטען שטערן, מיט א נרויסער,
ברייטער שווארצער בארד און מיט א פאר
שווארצע גרויסע אויגען וואס האבען גע־
לויכטען ווי סטורקאטשעס. און א פאר
ברעמען איבער די אויגען. א־ווא! וואס
פאר א כח עס איז געלעגען אין די דא־
זיגע ברעמען. אז ער פלעגט זיי א הויב
טאן, האט זיך געדאכט, אז ער שלינגט
מיט זיי גאנצע וועלטען אין זיך!...

געוואוינט האט דענסטמאלט דער פע־
טער ישראל משה ערגעץ ווייט, ווייט פון
אונז. ווי זאל איך אייך זאגען, קינדער־
ליך ? — ווייט! אהן אן ערך ווייט!
אפשר זיבעציג, אכציג און אפשר גאנצע
הונדערט מייל. אז מען שמועסט א ווײ־
טעניש, ערגעץ אינ'ם אנדערען עק וועלט!
און ער פלעגט קומען צו אונז יעדען חודש
אלול, אויף קבר אבות, פלעגט ער קומען.

דענסטמאל, אין יענע צייטען, קינדער־
לעך, זיינען נאך קיין באהנען נים געווען
אזוי שכיח. געווען ערגעץ באהנען, אבער
ווער האט זיי אנגעזעהן. ובפרט פאהרען
מיט באהנען! וחוץ לזה, ווייס איך גאר
נים צו דער פעטער ישראל משה וואלט
געווען געפאהרען מיט'ן באהן. אויף קבר
אבות אין א באהן! ליגען צולעגט ברייט־
ליך ווי א פריץ, נים מורא האבען פאר
קיין רעגען, פאר קיין ווינטען און פאר
קיין בלאטעס, זיך אויפזעצען דא און א
פליית טאן אהין. וואס פאר א חריפות
שטעקט אין דעריבער ? איז ער געפאה־
רען מיט דער אקס. מיטגענומען מיט זיך
דעם קלאבערצעס טלית־זאק איינגעפאקט
[illegible]
און געפאהרען. געפאהרען טאג איין, טאג
אויס, וואך איין וואך אויס. די נסיעה
האט גאנצע וואכען געדויערט. געפאה־
רען ווען די היץ האט געברענט ווי מיט
פייער. געפאהרען ווען עס האט געדו־
נערט, געבליצט, גערעגענט און געהא־
גלט. געפאהרען ביי טאג און ביי נאכט,
דורך פינסטערע געדיכטע וועלדער — גע־
פאהרען אויף קבר אבות!

און כך הוה; ער האט פארזעצט אן
איבערבעט. דאס לעצטע וואס ער האט
נאך פארמאגט. געקראגען דארויף פינף
רובעל. גענומען מיט זיך צידה לדרך,
מיט'ן טלית זאק, מיט'ן גאנצען רומעל.
פאר א האלבען רובעל זיך אויפגעזעצט
ביי א בעל־עגלה, אויף עטליכע ווירסט
פון שטאדט, מען זאל אין שטאדט פון זיין
שפיל'ן מעמד נים וויסען. און דערנאך
זיך אוועקגעלאזט צופוס.

איז ער אפגעגאנגען אזוי, קינדער־
לעך, א גאנצען טאג. די היץ האט גע־
ברענט אהן רחמנות, זי האט ממש דאס
דם התמצית פון איהם אויסגעברענט.
און דער פעטער ישראל־משה מיט'ן קלי־
מעק אויף די פלייצעס און מיט'ן שטע־
קען אין דער האנד, איז געגאנגען. גע־
גאנגען און נאך מיט א מין ווילדער
הנאה, ווייל ער איז געווען ביי זיך בטוח,
אז ער איז א עומד בנסיון. איז ער גע־
גאנגען און געגאנגען אזוי ביז פארנאכט.
פארנאכט איז ער אויסגעקומען; געבען א
וועלדעל. אינ'ם וועלדעל, צווישען די
בוימער, איז געווען א רימשקעלע פון פרי־
שע קרישטאלענע קאלטע קוואלוואסער,
און ער איז [illegible]
[illegible] די הענ.

א נייע באנק נייע מעטהאדען

די נאָרד-אַמעריקאַן באַנק

56־54 קאַנעל סטריט, נויארק
(קאָרנער אָרטשאַרד)

צו די אידישע ארבייטער פון ניו יאָרק!

„די נאָרטה אַמעריקאַן באַנק“ איז אַ נייע באנק אין דעם רעכטען צענטער פון אידישען אַרבייטער קווארטאַל, און זי מאכט ספּעציעלע אנשטרענגונגען צו קריגען דעם טרייד פון די אידישע אַרבייטער און זיי צו דינען. א אידישער ארבייטער האָט פּאַרקעהר מיט אַ באַנק אין דריי פאַרשידענע פעלע, און אין יעדען פון דיזע פעלע האָבען מיר געמאַכט אראַנזשמענטס צו קאָנען דינען די ארבייטער.

1) אינטערעסט אקאונטס. מיר צאָהלען פולע 4 פּראָצענט פאַר אינטערעסט אקאונטס, פון דעם טאָג וואָס דאָס געלד ווערט דעפּאָזיטעט, און די פּראָצענט ווערט אויסגעצאָהלט יעדע 3 מאָנאַט, אנשטאָט יעדע 6 מאָנאַט, ווי אין אנדערע בײנק.

2) מיר שיקען געלד נאָך אַלע טיילען פון דער וועלט. אויב דאָס געלד קען ניט דעליווערט ווערען צו דעם וואס איהר האָט עס געשיקט, ווערט עס אייך צוריק געקעהרט אין דער פולער סומע (אויסער פּאָסטעדזש), ניט ווי אין אַנדערע בײנק וועלכע גיבען אייך אָפּ דאָס געלד נאָך דעם קורס פון יענעם טאָג.

3) אום צו געבען באקוועמליכקייט פאַר ארבייטער, איז אונזער באַנק אָפען יעדען טאָג ביז 8 אוהר אבענד.

ארבייטער, פּאַטראָניזירט אונזער באַנק

די נאָרד-אַמעריקאַן באַנק

איז א סטייט באנק, אונטער דער אויפזיכט פון סטייט ביינקינג דעפּאַרטמענט. אונזער פּאָליסי איז:

ניט פאַרשפּרעכען וואָס מיר קענען ניט דורכפיהרען,
און דורכפיהרען וואָס מיר פאַרשפּרעכען.

The North-American Bank

Canal and Orchard Streets, New York

אַרנאָלד קאָהן, פּרעזידענט.
23 יאָהר וויים פּרעז. פון דער סטייט באנק.

מאַקס שטרויס, וויים פּרעזידענט.
פון דער ראָשיען אַמעריקאַן לײן.

ס. א. גלושאָנאָק, קעשיער.
פון דער פירמע גלושאנאק און הילל.

ווילט איהר אריבערברענגען א קרוב פון יוראָפּ?

מיר פאַרקויפען שיפסקארטען פון און נאָך אַלע טיילען פון אייראָפּא. מיר האָבען אפגעדרוקט א ביכעל, אין אידיש און ענגליש, אין וועלכען עס ווערען געגעבען אלע אינפאָרמאַציעס ווי אזוי אריבערצוברענגען קרובים. שרייבט אונז אדער קומט אריין אין באנק, און מיר וועלען אייך צושיקען אזא ביכעל אומזיסט.

וואס ער האט צוגעגעבען אז ער האט באַקומען פון דעם עקס פּרעזידענט פון די „מיינטענאַנס אָף וויידזש", מר. בארקער; און זיבעטענס, אז אנשטאט צו האבען א צייטווייליגען סעקרעטער, זאָל מען האבען א שטענדיגען סעקרעטער.

אז יערע רעזאָלוציע פון דיזע 7 וויכטיגע רעזאָלוציעס איז נידערגעשטימט געוואָרען איז לייכט צו פארשטעהן ווען מען האט אין זינען וואס פאר א גייסט עס האט געהערשט ביי דיזען קאָנגרעס. עס איז אָבער אויך וויכטיג צו וויסען ווי אזוי זיי זיינען נידערגעשטימט געוואָרען.

געגען פּאָליטישע אַקציאָן האט מען אָנגעוואָנדעט דעם געשריי אז די ראדיקאלען ווילען ברעכען דעם קאָנגרעס. וועגען איירלאנד האט מען באשטימט אז זי זאָל האבען א דאָמיניאָן רול אזו ווי קענעדע — אָבוואָהל דאס איירישע פאלק וויל עס ניט, און טראָץ דעם וואס דערזעלבער קאָנגרעס האט לעצטען יאהר באַשלאָסען אז יערע לאנד און פאלק זאָל זיין פריי צו באשטימען די פארם פון איהר רעגירונג.

וועגען אן אינדוסטריעלער פארם פון אָרגאַניזאַציע צייגען זיי אָן אויף די א. בי. יו. וועלכע, לויט זייער מיינונג האט רואינירט און וועט רואינירען די ארבייטער באוועגונג אויב מען וועט עס לאָזען ווייטער אָטעמען.

וועגען לעבען 5000 דאָלאר פאר קאָאָפּעראַציאָן איז אָנגעוויזען געוואָרען פון דעם סעקרעטער, אז דאס ווילען די ראדיקאלען מיט די געלדער פארשפּרייטען זייערע שעדליכע געדאנקען.

וועגען רוסלאנד האט מען באשלאָסען אז זי מעג זיך האבען וואס פאר א רעגירונג זי וויל, און אויב ענגלאנד און פראנקרייך שטיקען זי — „איז ניט אונזערע ביזנעס". מיר גלויבען ניט אין אינטערווענציע... עס קלינגט ווי א וויץ, אָבער דאס איז דער בעסטער ארגומענט וואס זיי האבען געהאט צו געבען. נאָכדעם ווי א צוריקגעקומענער סאָלדאט, וועלכער איז איצט א מעמבער פון לעדזשיסלייטשער האט זיך אויסגעטאָן דאס רעקעל אום מען זאָל זעהן אז עס פעהלט איהם א האנד, און גערעדט אין דער וועלט אריין, ווי אויך נאָכדעם ווי א דעלעגאט פון טאָראָנטאָ האט געזאגט אז מען דארף דעם דעלעגאט וואס האט אריינגעבראכט די רעזאָלוציע פון טאָראָנטאָ אריינשטעלען אין א „פּעדעט סעל" ווייל זיי זיינען א באנטש פון שמוציגע, געמיינע באָלשעוויקעס, איז דיזע רעזאָלוציע אויך צוריקגעוויזען געוואָרען.

וועגען די 50 טויזענד דאָלאר האט דער טשערמאן געזאגט אז ער וויל עס ניט אויפנעהמען און אויב מען וויל דאס יע פארהאנדלען מוז מען צוערשט טשאַלענדזשען די „טשער". עס איז איבעריג צו זאגען אז דער טשערמאן האט זיינס דורכגעפיהרט.

וועגען אַנשטעלען א שטענדיגען סעקרעטער — האט מען פארוואנדעלט די פראגע אין פּערזענליכעס און געוויס איז עס געבליבען ביים אלטען.

עס איז נידערגעשטימט געוואָרען די רעזאָלוציעס צו ערלויבען די מעמבערס פון אלע לאָקאלס צו באקומען די רעזאָלוציעס מיט א היבשער צייט פאר דער קאָנווענשאָן אום זיי זאָלען אינסטרואירען די מעמבערס ווי צו שטימען.

עס איז נידערגעשטימט געוואָרען א רעזאָלוציע אז די אָפיסערס פון קאָנגרעס זאָלען ערוועהלט ווערען דורך דעם „הייער פּראָפּאָרשיאָנאַל רעפּרעזענטיישאָן", אָבוואָהל עס איז אין דער פּלאַטפאָרם פון קאָנגרעס דאָ א פונקט אז מען זאָל דאס איינפיהרען אין שטאאטליכע, פּראָווינציעלע און פעדעראַלע פּארלאַמענטען.

עס זיינען אויך קריטיקירט געוואָרען די סטרייק לידערס פון וויניפּעג, וועלכע זיצען נאָך יעצט אין דזשייל. צוליעב דעם וואס זיי ווילען ניט בעטען קיין גנאדע פון דער רעגירונג דורכ'ן קאָנגרעס, און עס איז אָנגעוויזען געוואָרען אז א געוויסער פּאַרענץ איז שנעל באפרייט געוואָרען ווען ער האט געבעטען זיין פרייהייט דורך דעם קאָנגרעס.

עס איז אויך וויכטיג צו באמערקען אז פיעל מאָל, דורך דער צייט פון קאָנגרעס, האבען פיעלע דעלעגאטען פארגעסען די עלעמענטארע פּרינציפּען פון טאָלעראַנץ, „קורטעסי", פרייע רעדע און פרייע פּרעסע.

עקס פּרעזידענט וואטערס פארלאַנגענדיג דאס ווארט צו מאכען א סטייטמענט געגען א געוויסע האנדלונג פון פּרעזידענט מוהר, איז ענטזאגט געוואָרען. די פראגע איז גענומען געוואָרען צו א ראָל קאָל און 121 האבען געשטימט אז ער זאָל ריידען און נאָהענט צו 300 אז ער זאָל ניט ריידען. אויך האבען זיך איינינע דעלעגאטען פארגינען זיך איבערצוגעבען צו די אימיגריישאָן אינספּעקטארס צוויי ארבייטער וועלכע האבען צוטיילט ליטעראַטור פון דער אי. וו. וו. נאָך דעם מיטינג אין דרויסען, ווי אויך האט מען געוואָלט לינטשען א דריטען.

ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך, האט מען געהעכערט די וויידזשעס פון דעם פּרעזידענט פון 3,500 דאָל. צו 6,000 דאָל. פון צייטווייליגען סעקרעטער פון 1,500 דאָל. צו 2,000 דאָל. געהעכערט די ערלויבניש פאר עקספּענסעס פאר די פּראָווינציעל דעלעגאטען און אויך באשטימט אז דער נעקסטער קאָנגרעס זאָל פארקומען אין וויניפּעג.

איך גלויב אז עס איז איבעריג פאר מיר צו קאָמענטירען איבער די באשליסע פון דיזען קאָנגרעס. איך האָף אז די לעזער, און ספּעציעל די פון קענעדע וועלען באגרייפען ווי שווער עס קומט אָן איינצופיהרען נייע רעפאָרמעס, זאגאר די קלענסטע אין די רייהען פון דיזען קאָנגרעס, און וויפיעל מיה און ענערגיע עס פאָדערט זיך פון אונזער זייט אום צו ברענגען די ארבייטער באוועגונג פון דיזען לאנד צו דער זעלבער שטופע וואס די ענגלישע און איטאליענישע ארבייטער האבען שוין דערגרייכט.

קורצע שמועסן
צווישען דעם רעדאקטאָר און די לעזער.

ח. ע. — יע, עס איז גאנץ שעהן אָנגעשריבען, אָבער דאך... וועל, מיר וועלען פּערזענליך זיך דורכשמועסען מיט אייך.

ב. דובאָוו. — מאיר לאָנדאָן איז איינער פון די פעהיגסטע מענשען, וואס מיר האבען אין ניו יארק. מען קען איהם פון אינגעלווייז אויף. זיין לעבען איז אן אָפענער בוך פאר אלעמען, און קוים איז צו געפינען דעם מינדסטען שפּריגקעלע אויף זיין כאראקטער. פון דעם שטאַנדפּונקט, אלזא, פון דעם שטאַנדפּונקט פון פעהיגקייט און עהרליכקייט, האט יעדער עהרליכער מענש געדארפט איהם געבען זיין וואוט, אפילו, ווען ער איז ניט קיין סאָציאליסט. און מיר ווייסען פון פילע, וועלכע האבען געשטימט פאר איהם אלס קאָנגרעסמאן, כאטש זיי זיינען ניט קיין סאָציאליסטען, און זיי האבען קיינמאָל אויף דעם קיין חרטה ניט געהאט. פאר דער צייט, וואס ער איז געווען אין קאָנגרעס, האט ער קיינמאָל ניט פארבייגעלאָזען די געלעגענהייט צו פארטיידיגען די ארבייטער און קלאָר מאכען זיין סאָציאליסטישען שטאַנדפּונקט. ער האט אימער פארשטאַנען, ווי צו מאכען דעם קאָנגרעס איהם אויסצוהערען. ער האט דארט געהאלטען אומצעהליגע רעדען, און מאנכע פון זיי האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שארפזין און מיט אמת'ער באקאנטשאפט מיט דער פראגע, וועגען וועלכער עס האט זיך געהאנדעלט. ער איז געוויס געווען אן עהרע פאר דעם קלאס, די אידען, וועלכע ער האט רעפּרעזענטירט. עס וואלט געווען סקאנדאליעז, אז ער זאָל אין די קומענדע וואהלען ניט קריגען אזא גרויסע צאָהל שטימען, אז טעמעני האל זאָל זיי ניט קענען באַ'גנב'ענען, ווי גרויס עס זאָל זיין איהר חשק דערצו. איהר קענט מיט דעם בעסטען געוויסען שטימען פאר איהם, אפילו ווען איהר געפינט א פּגימה אין דעם פּרט פון זיין שטעלונג צום נאַציאָנאַליזם. אונז דוכט זיך, דאס טאקי דערפאר, וואס ער איז ניט פון יענע פּאָליטיקער, וועלכע וועלען אייך צוזאָגען דאס טעלערעל פון הימעל, אבי צו קריגען אייער וואוט, און שטעהט פעסט אויף זיינע איבערצייגונגען, דארפט איהר, אלס דענקענדער מענש איהם גיכער געבען אייער וואוט, ווי דעם מיאוסען פּאָליטישען, וואס איז, וואס איהר ווילט נאָר אליין, אבי נאָר שטימט פאר איהם. וואס אנבאטרעפט אייער פראגע, וואס קען איין מענש, אָדער עטליכע, איבערהויפּט אויפטאָן, זיינען מיר מיט אייך איינפארשטאַנען, אז זעהר ווייניג. אָבער דאס גיט אייך ניט קיין רעכט צו שטימען פאר א לומפּ, פאר א ווערקצייג פון טעמעני. איהר קענט גארניט שטימען, אויב איהר גלויבט, אז עס איז ארויסגעוואָרפענע ארבייט. אָבער, וויבאלד איהר דענקט יע צו שטימען, ווייל דאס מאָל קען מען ניט, טאָר מען ניט בלייבען גלייכגילטיג, דאן בלייבט פאר אייך ניט קיין אנדער וועג, ווי צו שטימען פאר די וועלכע מיט זייער גאנצען לעבען און זייערע אידעאלען דריקען אויס דעם שטארקסטען פּראָטעסט געגען די געמיינהייטען און לומפּערייען אין אונזער איצטיגער פארפלוכטער צייט. מיר פיהלען אייך ווי צו דאנקען פאר אייער אנפראגע. איהר האט אונז דערמיט געגעבען א גוטע געלעגענהייט ארויסצוזאָגען אונזער מיינונג. פארשטעהט זיך, אז דאסזעלבע וואס מיר האבען געזאָגט וועגען מאיר לאָנדאָן, איז אָנווענדבאר אויף אלע סאָציאליסטישע קאַנדידאטען אין ניו יארק, און אין מאנכע אנדערע פלעצער אויך אויף די קאַנדידאטען פון דער פארמער-לייבאָר פּארטיי.

ה. ק—ג.—עס איז ניט קיין שמועסונג, נור א פּשוט'ע מעשה. אלס אזעלכע דארף זי ווייניגסטענס אויסזעהן צו זיין מעגליך. אָבער דאס איז אזוי אָנגעשריבען, אז יעדער און יעדע, וועלכע וואָלטען עס געלייענט, וואָלטען גלייך געזאגט, אז דער שרייבער האט די גאנצע מעשה אויסגעטראכט. ניט זי, ניט ער ריידען, ווי מענשען דארפען, ווי מענשען ריידען. לויט אייער שילדערונג קען מען נאך באשולדיגען די מיידעל, אלס פּשוט'ע ליגנערקע, כאטש אין דער אמת'ן קען זי זיין א זעהר גוטע און עהרליכע, כאטש ניט קיין גאנץ איבערגעשפּיצטע מיידעל. ניין, מיר קענען עס ניט פארעפענטליכען.

ק. ח. — א פּאָר פון זיי וועלען פארעפענטליכט ווערען. אין אלגעמיין, אורטהיילענדיג פּיי פון די פריהערדיגע, און פּיי פון די איצטיגע, דוכט זיך אונז אויס, אז דאס איז ניט דער געביט, אויף וועלכען עס זאָל אייך געלינגען ניט נור אויפצוטאָן עפּעס באזונדערס, נור פּשוט געבען אויסדרוק צו אייערע אייגענע געפיהלען. אייער שטיל, אזוי ווייט, ווי מיר ווייסען, איז פיעל געלונגענער און פארשפּרעכט פיעל מעהר אויף דעם אנדערען געביט, וועלכען איהר האט פּראָבירט, און, ווי אונז שיינט, מיט א גאנץ היבשען ערפאָלג.

ה. ראַווינסקי. — איהר האט אונז פּשוט פארמאַטערט מיט אייערע בריף. מיר ענטזאָגען זיך פון שמועסען מיט אייך, ווייל וואס איז די פּעולה; איהר וועט דאך אלץ בלייבען ביי אייער מיינונג, וועלכע איהר דריקט אויס אין אזא העפליכער פאָרמע, אז מיר זיינען א ברית „אין פאררויידען די ציינער", דאס הייסט פּשוט, אז מיר האבען געוואָלט אייך פארדרעהען א קאָפּ, כאטש אין דער אמת'ן זיינען מיר פון דערזעלבער מיינונג, וואס איהר. ערקלעהרען מיר אייך, אז ווען מען האט אזא מיינונג פון איינעם, איז דאס קלינגסטע און דאס לאָגישסטע, וואס איינער קען טאָן, איז ניט צו שרייבען איהם קיין בריף. וואס אונז אנבעטרעפט, איז דאס אונזער לעצטער ווארט צו אייך.

ס. ה—ן. — 1) אלע אייערע אָנגעפיהרטע ביישפּיעלע האבען ווירקליך קיין שייכות ניט מיט דעם ענין. וואָלטען מיר פארעפענטליכט אזעלכע זאכען פון וועמען עס איז, וואָלט עס אפשר געווען א טענה; ווארום פון יענעם יע, און פון מיר ניט? איהר קענט דאך אָבער ניט אָנווייזען, אז דער סאָרט לעזע-שטאָף זאָל ווען-עס איז זיך געפינען אין דער „גערעכטיגקייט", טו איז דאך אייער טענה גאָר קיין טענה ניט. אגב, אין אזעלכע זאכען שפּיעלט די הויפּטראָלע די פאָרם. דער „ווי", און עס איז דארום זעהר מעגליך, אז דאסזעלבע זאָל זיין גוט און ווינשענסווערט פון דער פעדער פון איין שרייבער, און עס זאָל זיין לחלוטין ניט דרוקבאר פון דער פעדער פון א צווייטען, וועמען די נטור האט ניט באשענקט מיט דעם נויטיגען טאלאנט. 2) מיר האבען איבערגעלייענט דעם צוגעשיקטען אויסשניט פון ביידע זייטען, און מיר קענען נאָר זאגען, אז גאָט זאָל זיי מוחל זיין, זיי ווייסען וועגען וואס זיי ריידען. דא, אויף דעם פּלאץ, קענען מיר ניט נאָך אמאָל איבערדרעשען אלע ארגומענטען אין דער פראגע. מיר זיינען זיכער אָבער, אז די, וועלכע האבען געלייענט אין דער „גערעכטיגקייט" וועגען דעם, וועלען ווייסען וואס צו ענטפערען אויף די טענות פון די דאָזיגע חכמים. וואס אנבאטרעפט דעם באריכט וועגען דער לוידיעס וויסט-מאכער יוניאָן אין פילאדעלפיא, איז דארט דא א געמיש פון פיעל, וואס איז אמת, און פיעל וואס איז ליגען. עס איז זיכער ניט אמת, אז אין דער „גערעכטיגקייט" ווערען געדרוקט בלויז באריכטען פון באאמטע, און די באריכטען פון זייטיגע מענשען ווערען אריינגעוואָרפען אין וויסט בעסקעט, אָדער דער רעדאַקטאָר זידעלט זיי נאָך גוט אָן, און מען שיקט די בריף צוריק צום אָפיס, אום צו בלעקמיילען די שרייבער. דאס איז א געמיינער, נידערטרעכטיגער ליגען. עס טוט אונז ווירקליך וועה, אז אין פילאדעלפיא איז דא כאטש איינע אזא ארבייטערין, וועלכע איז פעהיג אויף אזעלכעס. דאס ווייזט קלאָר, אין וואס פאר א הענט עס געפינט זיך אָט די „נייע" באוועגונג, וועלכע וויל עס באַקעמפען אלעס, וואס איז ביז איצט אויפגעטאָן געוואָרען. די דאָזיגע נפשות מאכען אָבער א טעות, מיינענדיג, אז אויף אזא אופן, מיט אזעלכע שמוציגע מיטלען, מיט אזעלכע נידערטרעכטיגע ליגענס וועלען זיי אמאָל עפּעס אויספיהרען. דוקא פארקעהרט, וואס מעהר שמוץ זיי ווארפען אויף עהרליכע געטריע ארבייטער-פיהרער; וואס מעהר זיי געברויכען זייערע אומגעלומפּערטע ליגענס און אלערליי ממזר-בלבולים, אלץ מעהר און מעהר אין זייער גאַנצע פּרחת אומזיסט. זיי קענען פארנארען עטליכע, אָבער די גרויסע מאסע וועט קיינמאָל זיך ניט לאָזען פיהרען פון אזעלכע שמוציגע נפשות, וואס ווייסען גארניט די באַדייטונג פון דעם ווארט אמת.

לוידיס טיילאָרס און סעמפּעל מייקערס פון לאָקאל 3, אויפמערקזאם!

א ספּעציעלער מעמבער מיטינג וועט אפּגעהאלטען ווערען

שבת, 30טען אָקטאָבער, 2 אוהר נאָכמיטאג אין בעטהאָווען האָל, 210 איסט 5טע סט.

ברידער שטיק שניידער און סעמפּעל מאכער: עס איז זעהר וויכטיג אז אלע זאָלען דעם מיטינג אטענדען, ווייל ביי דעם מיטינג וועט וויים פּרעזידענט לעפקאָוויטץ, וועלכער איז אויך א מעמבער פון לאָקאל 3, אנוועזענד זיין און וועט אונז אָפּגעבען א רעפּאָרט פון יוראָפּ.

ברודער לעפקאָוויטץ האט געמאכט א גענויע אונטערזוכונג איבער דער טרויעריגער לאגע אין יוראָפּ און האט זעהן א סך צו דערצעהלען, און דארום איז זעהר וויכטיג דעם מיטינג נישט צו פארפעהלען.

ביי ארדער און די עקזעקוטיוו באארד, לאָק. 3.

ס. שאָטצבערג, מענעדזשער.

לוידיעס טיילאָרס, סעמפּעל מאכער און אָלטערײשאָן ארבייטער לאָקאל 3

אלע ארבייטער וועלכע זיינען באשעפטיגט אין די לוידיעס טיילאָר-שאַפּס זיינען אויפגעפאָדערט ניט צו ארבייטען אין

עלעקשאָן טאָג, 2טען נאָוועמבער

דאס איז איינער פון אונזערע ליגאל האָלידעיס פאר וועלכען די ארבייטער דארפען קריגען באצאָהלט, ניט ארבייטענדיג.

די וואס וועלען געפונען ווערען ארבייטענדיג וועלען באשטראפט ווערען.

לוידיעס טיילאָרס און סעמפּעל מאכער יוניאָן, לאָקאל 3

ה. הילפמאן, סעק.

פּרעסערס פון לאָקאל 25

א וויכטיגער מיטינג וועט אפּגעהאלטען ווערען

דאָנערשטאג, נאָוועמבער 4

אין בעטהאָווען האָל, 210 איסט 5טע סטריט.

א וויכטיגער באריכט פון דער עקזעקוטיוו באארד וועגען דער צוזאמענשטעלונג פון א דזשוינט באארד פאר דער דרעס און וויסט אינדוסטריע און א רעפאָרם פון ארגאנייזער.

עקזעקוטיוו באארד פּרעסערס בראַנטש.

י. וואסילאווסקי, ארגאנייזער.



Some luck! That's what you say when you smoke a Chesterfield. Fine Turkish and Domestic tobaccos — and the blend can't be copied.

Chesterfield
CIGARETTES
They Satisfy

ראס נייע אידישע טעאטער

27סטע סטריט און מעריסאן עוועניו.
טעלעפאן: מעריסאן סקווער, 579.
סעם שאר, גענעראל פארוואלטער.

פרייטאג אווענט, שבת און זונטאג מא־טינע און אווענט, מאנטאג אווענט דעם 1טען נאוועמבער, און דינסטאג מאטינע און אווענט (עלעקשאן דעי)

רודאלף שילדקרויט

אין שלום אש'ס

גאט פון נקמה

שבת און דינסטאג מאטינעס

הערבסט פידלען

אירווינג פלייס טעאטער

מאריס שווארץ, דירעקטאר, מאקס ר. ווילנער, רזש. מענ., הערמאן פייער, ביז. מענ.
Tel. Stuyvesant 1350

פרייטאג און שבת אווענד, זונטאג מא־טינע און אווענד, מאנטאג אווענד (עלעקשאן איוו), און דינסטאג אווענד, (עלעקשאן דעי)

מאריס שווארץ'ס אויפפיהרונג

פון

שלום עליכם'ס לעצטע גרויסע קאמעדיע

שווער צו זיין א איד

קויפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

י. סראוז

בעדושעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. ספעציעל יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פארדינען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויס־געלערענט אונזער מעטאדע און יעצט פארדינען זיי פיעל געלד.

נעהמט איצט א קורס
— אין די —

מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקוהל פיינט א באל־דיגע פאזישאן און גרויסע גע־האלט.

די מיטשעל סקול אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען. פריוואט אונטעררינכט אין אידיש. טאג און אבענד קלאסען. גוטע בעדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאנסטריישאן און פולע אויסקינפטע.

אבענד קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st), NEW YORK
Phone, Stuyvesant 8383
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

דער

אַרבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
ברענטשעס — 645

דער ארב. רינג שטיצט יע־דען זויכטיגען עקאנאמי־שען און פאליטישען קאמף.

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אי־דישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעדער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

אויפמערקזאם.

די עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 9 ערעפענט דעם סיזאן פון איהר טעטיגקייט מיט א

קאנצערט און מאססמיטינג, זונטאג, נאוו. 14

1 אוהר נאכמיטאג, אין מאנהעטען לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט.

באוואוסטע קרעפטע וועלען אנטיילנעהמען.

איינטריט בלויז אויף טיקעטס וועלכע איהר קאנט קריגען פריי אין אפיס, 228 צווייטע עוועניו.

עדיוקיישאנאל קאמיטע און עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9
איזידאר סארקין, מענעדזשער.

בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

יעדע פרוי קען פאַרדינען 15 דאָל. א טאָג מיט דער „מאַרוועל"

אַלעס וואס איהר דארפט טאָן, מאדאם, אום צו פאַרדינען געלד, איז, קויפען א „מאַרוועל" האַנד אימבראידערי מאשין. זי קאָסט $5.50. אין א האַלבע שטונדע לערנט מען אייך, אין אונזער סטאר אוים ארבייטען מיט דער „מאַרוועל". איהר קענט ביי אונז אויך קויפען די „דיזיינס" אויף וועלכע צו ארבייטען. קויפט א מאַרוועל, געהט אהיים, און נעהמט זיך פארדינען געלד.

אין 5 טעג ארבייט, אדער אין 2 וואכען, ארבייטענדיג בלויז אבענדע, וועט איהר מאכען א ראָג. דאס מאַטעריאַל וועט אייך קאסטען 9 דאָלער. איהר וועט קריגען פאר'ן ראָג $75.00.

אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט וועט איהר מאַכען א בעדספרעד, פאר וועלכער איהר קענט קריגען 75 דאַלער.

אין 2 טעג וועט איהר אימברוידערען דאס שעהנסטע טישטוך. דאס מאטעריאַל וועט אייך קאסטען ארום 5 דאַלער. איהר וועט דערפאר קריגען 35 דאַלאר. דאס זעלבע קענט איהר טאָן מיט העטס, דרעסעס, העגד בעגס, א. ז. וו. היינטיגע צייטען, ווען לעבענס מיטעל איז אזוי טייער, דארף יעדע פרוי טרייען פארדינען. אימברוידערי ארבייט קען מען שטענדיג פארקויפען צו סטארס אדער פריוואט, און אזוי קען יעדע פרוי, זיצענדיג אין דער היים, פארדינען 15 דאַלער א טאג מיט דער הילפע פון דער „מאַרוועל".

אין איז זי



דאָס איז די „מאַרוועל" אימבראַידערי מאשין. זי איז אין גאנצען 8 אינטשעס לאנג און מען קען זי שטענדיג מיטטראגען מיט זיך.

פרייז $5.50

די „מאַרוועל" און איהר ארבייט ווערען געוויזען

אין די מארוועל בילדינג, 11-109 איסט 116טע סטריט. הויפט אָפיס, 620 5טע עוועניו. ברענטש סטאר, 80 צווייטע עוועניו, ברענטש סטאר, 1554 פיטקין עוועניו, בלומינגדייל בראס. דעפארטמענט סטאר, באטערמאנ'ס דעפארטמענט סטאר, לאָרזשערס דעפארטמענט סטאר.

געהט צו באוואונדערען די מארוועל און איהר ארבייט.

קופאָן

מארוועל נידעלקראפט ווארקס, 80 צווייטע עוו., ניו יארק.

פליעז שיקט מיר אומזיסט אייער ליטעראטור וועגען דער „מארוועל."

Name ....

Address ....

City .... *State* ....

Gerechtigkeit פילט אוים אייער נאָמען און אדרעסע אין ענגליש

Marvel Needlekraft Works

80 Second Ave., New York — **Home Office, 620 Fifth Ave.**

80 צווייטע עוועניו (צווישען 4טע און 5טע סטריט)

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, 6). אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. II. No. 45. New York, Friday, Nov. 5, 1920, פרייטאג, דעם 5טען נאוועמבער PRICE 3 CENTS

ערעפענונג פון אונזער ארבייטער אוני־ווערזיטעט, שבת אב. 13 נאוועמבער

עס וועט געגעבען ווערען אן ערשטע קלאסע קאנצערט פון בארימטע קינסט־לער און עס וועלען געהאלטען ווערען רעדען פון באוואוסטע מענער. — פרעזידענט שלעזינגער וועט דערצעהלען פון זיין רייזע אין סאוועט רוס־לאנד און די אנדערע לענדער אין יוראפ. — דאס וועט זיין אין וואשינג־טאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס, צווישען 16טען און 17טע סט.

די ערעפענונג פון אונזער אינטער־נעשאנאל ארבייטער־אוניווערזיטעט וועט געפייערט ווערען שבת אווענט, דעם 13־טען נאוועמבער, אין דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס, צווי־שען 16טע און 17טע סטריטס. די ערעפע־נונג וועט געפייערט ווערען דורך אן ערש־טע קלאסע קאנצערט.

אין קאנצערט וועלען זיך באטייליגען אזעלכע באוואוסטע קינסטלער ווי אלעק־סאנדער בלאך, דער באקאנטער וויאלי־ניסט; מיס דזשוליא הילל, די בארימ־טע סאפראנא, און אוגוסט ווערנער, דער גוט־באקאנטער טענאר.

קורצע רעדעס וועלען געהאלטען ווע־רען פון פראפעסאר ביערד, דר. הארדי דאנא, וועלכער האט זיך נאר וואס אומ־געקערט פון ענגלאנד, וואו ער האט שטו־דירט די מעטאדען פון ארבייטער בילדונג; ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאנאל וועלכער האט זיך צוריקגע־קערט פון רוסלאנד, אב. בארא, אונזער סעקרעטער־טרעזשורער; ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט"; אלעקסאנדער פירשטענדלער, אונזער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, וועלכער וועט רידען איבער דעם בילדונגס פלאן פון דער אינטערנעשאנאל פאר דיזען יאהר; מיס פאניא מ. כאהן וועט זיין טשער־ליידי פון אווענט.

נאכ'ן אווענט וועט דער עולם זיך פאר־זאמלען אין דזשימנאזיום וואו מען וועט זיך אונטערהאלטען דורך טענץ.

דיזע אונטערנעמונג וועט טראגען א ווירקליך פייערליכען כאראקטער. צווישען די פארזאמעלטע וועלען זיין די מיטגליע־דער פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אונ־זערע צאהלרייכע לאקאלס פון ניו יארק און פון אנדערע שטעדט. עס וועלען אויך זיין די דעלעגאטען פון די דזשאינט באארדס. די קלאוק מייקערס דזשאינט באארד וועט אבזיכטליך מיטען פריהער אום צו געבען א געלעגענהייט די דעלעגא־טען זיך צו באטייליגען אין דער פייערונג. די שילער פון אונזערע זיבען יוניטי סענ־טערס וועלען זיך פארזאמלען צוזאמען מיט זייערע טיטשערס. די מיטגליעדער פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די לאקאל יוניאנס פון דער אינטערנעשאנאל וועלען זיין די אשערס.

עס ווערט ערווארטעט א גרויסער עולם, יעדענפאלס מעהר ווי דער האל קען אריינ־נעמען, און מען האט געמאכט אראנזש־מענטס אז דער קאנצערט זאל ווידער־האלט ווערען אין דזשימנאזיום, וואו מען וועט טאנצען.

די אנוועזענדע וועלען אלס סאווענירס קריגען א ביכעל אין וועלכען עס וועלען באשריבען ווערען אלע טעטיגקייטען פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, ספעציעל די קורסען וועלכע ווערען אראנזשירט פאר דיזען יאהר און נאך אנדערע וויכטיגע אינפארמיישאנס.

די טיקעטס זיינען פארטיילט געווא־רען פראפארציאנעל צו אלע אונזערע לא־קאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס, און זיי גע־פינען זיך אין די אפיסעס פון די לאקאלס. עס וועלען געווים זיין מעהר בעלנים צו קומען צו דער אונטערנעהמונג ווי עס קא־נען אריינגעהן אין דעם אדיטאריום פון סקול און עס איז גלייכער איהר זאלט זיך שוין באזארגען מיט טיקעטס, וועט איהר זיכער זיין אז איהר וועט קאנען זיין דארט. געהט אריין אין אירגענד וועלכען אפיס פון א לאקאל, אדער אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, 31 יוניאן סקוועער און באזארגט זיך מיט טיקעטס. אום צו זיין זיכער, טוט עס גלייך.

(שלוס אויף דער לעצטער זייט).

פרעזידענט שלעזינגער אנגעקומען

מיטוואך, דעם 3טען נאוועמבער, 11 אזייגער אין־דער־פריה, איז פרעזידענט שלעזינגער אנגעקומען פון יוראפ, מיט דער שיף „אלימפיק". מיט דער שיף זיי־נען אנגעקומען א סך אמעריקאנער וואס זיינען געווען אין יוראפ און דער גרוי־סער „פיער 59" איז איינפאך געווען בא־לאגערט פון מענער, פרויען און קינדער, וואס האבען אפגעווארט זייערע אייגענע, וועלכע האבען געדארפט אנקומען מיט דער שיף.

אבער צווישען דער גרויסער מאסע מענ־שען אויפ'ן „פיער", צווישען די פאמי־ליען וואס האבען דארט אפגעווארט זיי־ערע אייגענע, האט זיך אלעמען געווארפען אין די אויגען די גרויסע א י נ ט ע ר־נ ע ש א נ א ל פ א מ י ל י ע, וועלכע האט אפגעווארט איהר פרעזידענט. די אינטערנעשאנאל פאמיליע, וועלכע איז באשטאנען פון פארטרעטערשאפטען פון אלע אונזערע לאקאל יוניאנס אין ניו יארק, האט געצויגען אלעמענס אויפמערק־זאמקייט. מאנכע דעלעגאציעס פון די לאקאלס זיינען געקומען מיט בלומען־בוקעטען. און דעם שענסטען בוקעט בלו־מען האט געבראכט די דעלעגאציע פון אונזער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25. עס פארשטעהט זיך, דאס צוזאמען מיט דער אינטערנעשאנאל פא־מיליע האט אויך געווארט שלעזינגער'ס הויז־געזינד, זיין פרוי און קינדער.

ווען שלעזינגער האט זיך באוויזען אויפ'ן „פיער" און די מאסע מענשען וואס האבען איהם אפגעווארט, האבען איהם ארומגערינגעלט, האבען די אלע זיי־טיגע מענשען גענומען פרעגען ווער דאס איז אנגעקומען וואס אזוי פיעל מענשען פרעהען זיך מיט איהם. עס איז געווען אן אמת־ברידערליכע דעמאנסטראציע, וואס האט ארויסגערופען אלעמענס בא־וואונדערונג.

פון „פיער" זיינען אלע אוועק אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, וואו ב. שלעזינגער האט דערצעהלט איינינע אינ־טערעסאנטע פאסירונגען פון זיין רייזע, און ספעציעל פון זיין רייזע אין סאוועט רוסלאנד. ער האט דערצעהלט... אבער כמעט ניט, ער וועט בעסער אלעס אליין דערצעהלען אויף די קאלומס פון די „גע־רעכטיגקייט", אין די קומענדע נומערן. און מיר קאנען אייך פארזיכערן, דאס צו דערצעהלען האט ער גאר א סך, און פון זעהר א אינטערעסאנטען אינהאלט.

איין זאך אבער מוזען מיר דא שוין איבערגעבען. נעמליך, שלעזינגער קאן זיך קוים אפלויבען ווי פאפולער און בא־קאנט עס איז איבער דער גאנצער וועלט אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן. מען ווייס פון איהר — זאגט ער — אפילו אין די קליי־נע פארווארפענע שטעדטלעך, און אומע־טום דערצעהלט מען וועגען איהר „לע־גענדעס", מען רעדט מיט באוואונדערונג פון אלעם, וואס זי האט אויפגעטאן פאר דער גרויסער מאסע שניידער־ארבייטער. אבער אויך וועגען דעם וועט שלעזינגער אליין בעסער דערצעהלען.

מיר באגריסען ברידערליך אונזער פרעזידענט, וועלכער איז שוין ווידער מיט אונז, און אין נאמען פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט אונזערער זאגען מיר איהם א הארציגען ב ר ו ך ה ב א!

דזש. באארד אין ווייסט און דרעס אינדוסטריע ביי דער ארבייט

ווי מיר האבען באריכטעט מיט צוויי וואכען צוריק, איז אויסערוועהלט געווא־רען א קאנסטיטושאן־קאמיטע, באשטע־הענד פון צוויי מיטגליעדער פון יעדען לאקאל, וואס שטעלט צוזאמען דעם דזשאינט באארד, אויסצוארבייטען א קאנסטיטוציע פאר דעם נייעם קערפער־שאפט. די קאמיטע איז נאך לעצטע וואך פארטיג געווארען מיט דער ארבייט. די פונקטען פון דער קאנסטיטוציע זיינען פארגעלעזען געווארען ביים לעצטען מי־טינג און מיט קליינע ענדערונגען איז די קאנסטיטוציע אנגענומען געווארען. די מיטינגען פון דעם דזשאינט באארד ווע־רען אפגעהאלטען יעדען פרייטאג אבענד.

אויף דעם מיטינג לעצטען פרייטאג אווענד איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע פון דריי צו געפינען צוויי פאסענדע פער־זאנען, איינעם פאר סעקרעטער־טרעזשו־רער און א צווייטען פאר דזשענעראל מע־נעדזשער פון דעם דזשאינט באארד, און די קאמיטע דארף וועגען דעם באריכטען אויף דעם מיטינג דעם פרייטאג אבענד.

אויף דעם לעצטען מיטינג פון דעם דזשאינט באארד איז געפאסט געווארען א באשלוס, דאס דיזע קערפערשאפט זאל באקומען א רעוואלווינג פאנד פון 25 טויזענד דאלאר, אויף אנצוגעהן מיט דער ארבייט. דאס געלד ווערט צוגעשטעלט פון די אלע לאקאלס, וואס זיינען אין דעם דזשאינט באארד. אויף דעם זעלבען אופן ארבייט אויך דער דזשאינט באארד אין דער קלאוק אינדוסטריע.

אלזא, דער דזשאינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע איז שוין פאקטיש ביי דער ארבייט. אזוי שנעל ווי די באשטענדיגע באאמטע וועלען אנגע־שטעלט ווערען, וועט די ארבייט פון בא־ארד ווערען נאך לעבעדיגער און עס וועט ניט נעהמען לאנג, און די מיטגליעדער פון די לאקאל יוניאנס, וועלכע שטעלען צו־זאמען דעם באארד, וועלען איינזעהן די גוטע ארבייט, וואס דיזע קערפערשאפט וועט אויפטאן. עס איז ניטא קיין לא־גישער גרונד צו דענקען, ווארום אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע זאל א דזשאינט באארד ניט זיין פונקט אזוי גוט און ניצליך, ווי ער איז אין דער קלאוק אינדוסטריע. און דאס איז ניט בלויז אין ניו יארק אליין, איבעראל — אין פי־לאדעלפיא, אין שיקאגא, אין קליוולאנד, אין מאנטרעאל און נאך אנדערע שטעדט, וואו עס זיינען דא דזשאינט באארדס טוען זיי גוטע ארבייט, און דאסזעלבע וועט אויך זיין דער פאל מיט דעם דזשאינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינ־דוסטריע פון ניו יארק. עס מוז אזוי זיין, און עס וועט אזוי זיין.

אינהאלט־פערצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 45.

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דאניש.
זייט 3. אונזער מיטגליעדערשאפט אין די שטאטען פון דער איסט. — אלעקסאנ־דער טראכטענבערג.
זייט 4. נייעס פון אונזער יוניאן אויף דער פראווינץ. ארגאניזאציאנס ארבייט אין סט לואיס. — מ. אמדור. די קאסטום דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90. ד. בערנאדסקי.
זייט 5. רייזע באשרייבונגען און איינדרי־קע. — ס. לעפקאוויטש. קווירונגען פאר'ן סאציאליסטישען קאמפיין אין לא־קאל 25 שעפער. — י. שעהנהאלץ.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען. —בריעף פון ק. גובערסאן, ס. האפ־מאן און „איינער פון זיי".
זייט 7. קאלעקשאנס אין די קלאוק־שעפער. פיליפ קאפלאוויטש. עדיוקיישאנאל ארבייט אין פילאדעלפיא. — ה. בע־רענשטיין.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. טרייד־יוניאניזם און אינדוסטרי־אליזם. — פיליפ קראנץ. ליעדער. — י. ראלניק.
זייט 10. א פראבע־רעוואלוציע. — נ. בוכ־וואלד. די נייעסטע גאולה (פעליעטאן). — ז. וויהלער.
זייט 11. די איצטיגע לאגע אין קלאוקס־טרייד. — י. פיינבערג. איסר משה בעל עגלה (ערצעהלונג). — מ. שמואלזאהן.
זייט 12. שלערליי פון שיקאגא. — ת. סקולמאן.
זייט 13. ווי צו זיין געזונד. — דר. ב. דובאווסקי. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. דער וואוקס פון דער סאציאליסטי־שער פארטיי. דער ערעפענונגס־פייער פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט. — שלוסען.

פול מיט לעבען אין די אפיסעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן

צוויי אסאסיאיישאן פירמען ערקלערט אין סטרייק. — די רעפארטען פון די מענעדזשערס פון אלע דעפארטמענטס אין דער יוניאן. — ווי די באסעס האבען דערמאנט די ארבייטער וואס גיכער איינצוצאהלען פאר דעם מיליאן־דאלאר פאנד פון דער יוניאן.

אין די אפיסעס פון דזשוינט באארד פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן שוויבעלט און גריבעלט מיט לעבען און טעטיגקייט. מיר האבען די וואך באקומען אין רעדאקציע רעפארטס פון די מענעד־זשערס פון אלע דזשוינט באארד דעפארט־מענטס, וואס ווייזט א שעהנעם רעקארד פון אויסגעצייכענטער ארבייט פאר דער יוניאן אין די אינטערעסען פון איהר גרוי־סער מיטגליעדערשאפט.

מיר האבען באקומען א זעהר אינטע־רעסאנטען רעפארט פון ברודער דזש. רו־בין, מענעדזשער פון „פראטעקטיוו די־וויזשאן", וועלכער האט אונטער זיין אויפ־זיכט די שעפער פון די מאנופעקטשורערס, וואס בעלאנגען צו דער פראטעקטיוו אסא־סיאיישאן. אין דעם רעפארט ווייזט אד־

בערגענעבען א מאסע פאקטען וועגען אר־בייטס שטאנדען פון קאמפליינטס אין איר־גענע שעפער וואו עס זיינען פארגעקומען „דיסטשארדזש קייסעס", וואו ארבייט איז ניט געטיילט געווארען גלייך צווישען אלע ארבייטער, וואו עס איז געמאכט גע־ווארען קאלעקשאנס פון בעק פעי און אזוי ווייטער. צוליעב פארשטענדליכע אורזא־כען קאנען מיר איצט ניט פארעפענטליכען די נעמען פון די פירמען.

צוויי פירמען דערקלערט אין סטרייק.

אין דעם רעפארט פון ברודער רובין ווערט אויך דערצעהלט פון די טראבעל אין צוויי אסס'ן שעפער, וועלכע זיינען מיט דער צושטימונג פון דזשוינט באארד, ערקלערט געווארען אין סטרייק. דאס

דער אינטערנעשאנאל עדיו-קיישאנאל דעפארטמענט

דער ארבייטער אוניווערזיטעט וועט ערעפענט ווערען שבת אוונט, דעם 13טען נאוועמבער, 1920.

דער ארבייטער אוניווערזיטעט, דער הויפט צענטער פון אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט וועט זיך עפענען אין די נעקסטע צוויי וואכען, פאר'ן שטודיום פון אונזערע מיטגלידער. דורך די לעצטע צוויי יאהר פון אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט, האט דער ארבייטער אוניווערזיטעט פארנומען דעם אויבען אן אין אונזער ארבייט, כאטש מיר האלטען די טעטיגקייט אין אונזערע יוניטי סענטערס פאר פונקט אזוי וויכטיג.

די לעקטשורס אין ארבייטער-אוניווערזיטעט זיינען פון א העכערען סארט און זיי ווערען באזוכט פון אן אינטעליגענטערען עולם. די לעהרער פונ'ם ארבייטער-אוניווערזיטעט זיינען גאנץ פראמינענטע מענער אין דער וויסענשאפטליכער וועלט, און דאס האט געוויס צוגעגעבען דער אינסטיטוציע א גרעסערען פרעסטיזש. דאס האט אויך געמאכט די קורסען מעהר אנציהענד.

ווי מיר האבען זיך נוהג געווען אין די לעצטע פאר יאהר, וועלען מיר אויך דעם מאל פייערען די ערעפענונג פון ארבייטער אוניווערזיטעט מיט א שעהנעם קאנצערט, און מיט זאכליכע רעדען פון באוואוסטע מענער פון דער וויסענשאפטליכער וועלט. דאס וועט פארקומען אין דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול, 16טע סט. און אוניווערסיטי פלייס. עס וועט דארט זיין א צוזאמענקונפט פון אונזערע סטודענטען, די לעהרער פון פאקולטעט, און פון די בעאמטע און די טעטיגע מיטגלידער פון אלע אונזערע לאקאל יוניאנס אין גרויס ניו יארק. דער ערעפענונגס יום טוב וועט פארקומען שבת אוונט, דעם 13טען נאוועמבער. איינטריט איז פריי, אבער מען דארף האבען טיקעטס. די טיקעטס קאן מען שוין באקומען אין די לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס אין די אפיסעס פון אלע אונזערע לאקאל יוניאנס, און אויך אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, 31 יוניאן סקוועער.

מיר ערווארטען אויך, דאס ביי יענער צייט, וועט פרעזידענט שלעזינגער שוין זיין צוריק פון זיין רייזע אין איראפא, און ער וועט יענעם אוונט איבערגעבען זיינע איינדריקע, באזונדערס וועגען לייבאר-עדיוקיישאן אין ענגלאנד, דייטשלאנד און אויך אין רוסלאנד, וואו ער איז לעצטענס געווען.

דער פולער פראגראם פונ'ם ארבייטער אוניווערזיטעט וועט פארעפענטליכט ווערען נעקסטע וואך אין די „גערעכטיגקייט". מיר קאנען שוין אבער דא גלייך זאגען, דאס דער פראגראם פאר'ן נעקסטען סיזאן איז איינער פון די אינטערעסאנטעסטע און באלעהרענדסטע, וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען, און ווי עס פאסט זיך פאר אזא אינסטיטוציע ווי עס איז געווארען אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט.

* * *

דר. פישהאנדלער, דער דירעקטאר פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט איצט אונטערנומען איינצופיהרען א נייע זאך. נעמליך, אויסצוקלייבען פון אונזערע סטודענטען אין די גרופען די מעהר ענטוויקעלטע, די וואס באזיצען מעהר בילדונג, און מעהר פעהיגקייט פון די אנדערע, און דיזע זאלען אנפיהרען דיסקוסיאנען און אזוי נאך זיך טיילען מיט'ן וויסען וואס זיי באזיצען מיט די אנדערע סטודענטען פון די עדיוקיישאנאל גרופען. ער אליין וועט, פארשטעהט זיך, צוהעלפען און זעהן, די ארבייט זאל געטאן ווערען פלאנמעסיג און עפישענט. דאס איז א נייעס, אן עקספערימענט וואס דארף נאך ווערען אויספראבירט, צו זעהן, אויף ווי ווייט דאס קען האבען אן ערפאלג.

* * *

אין אונזערע יוניטי סענטערס.

כדי די ארבייט אין אונזערע יוניטי סענטערס זאל צוגעהן אלץ בעסער, איז לעצטענס אפאינטעט געווארען סופערווייזארס, אויפזעהער, פאר יעדען סענטער. די אויפזעהער וועלען זיין אין די סענטערס יעדען אוונט און אויפפאסען אויף די רעדזשיסטרירונגען און אויף די קלאסען. דאס לערנען אין די סענטערס נעהמט שוין אן, די קלאסען ווערען גוט באזוכט און אלץ מעהר נייע שיהלער קומען זיך איינשרייבען. עס איז אבער נאך אלץ דא פלאץ פאר מעהר מיטגלידער וואס ווילען לערנען און עס איז איצט די צייט זיי זאלען קומען זיך איינשרייבען פאר די לעקטשורס און קלאסען. מיר גיבען דא א ליסט פון אלע אונזערע סענטערס און איהר קאנט זיך אויסקלייבען דעם נאהענסטען סענטער אין אייער נאכבארשאפט.

איסט סייד יוניטי סענטער — פאבליק סקול 63, 4טע סט. לעבען 1טע עוועניו.

ווייסטמאכער יוניטי סענטער — פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סט.

הארלעם יוניטי סענטער — פאבליק סקול 171, 103טע סט., צווישען מעדיסאן און 5טע עוועניוס.

1טער בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 54, אינטערוויל עוועניו און פרימאן סט.

2טער בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עוו. און קלערמאנט פארקוועי.

3טער בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 43, בראון פלייס און 135טע סט.

בראנזוויל יוניטי סענטער — פאבליק סקול 84, סטאן און גלענמאר עוו.

* * *

די ערשטע לעקטשור פון פראפ. טשארלס ביערד, דעם 13טען אקטאבער, איבער דער טעמע: „די ראליע פונ'ם שטאאט אין דער מאדערנער ציוויליזאציע", איז געווען א גרויסער ערפאלג. א חוץ אונזערע מיטגלידער זיינען געקומען פארשידענע אנדערע באזוכער, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען פראפעסארען פון קאלעדזשעס. די סטודענטען ווערען אויפמערקזאם געמאכט צו לייענען פראפעסאר רושעקסט בוך, „די שיכטע פון פאליטיק", דאס וועט זיי צוניצקומען בעסער צו באגרייפען די ווייטערע לעקטשורס פון דעם קורס.

* * *

נייעס פון ווייסטמאכער יוניטי סענטער.

די מיטגלידער פון מאנדאלין קלאס פון לעצטען סיזאן, אונטער דער פיהרערשאפט פון מר. ה. חיים, קאנען ווידער אנפאנגען דעם זעלבען קלאס. דער דירעקטאר איז וויליג ווייטער אנצוגעהן מיט דעם קלאס יעדען פרייטאג אוונט. די וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דעם קלאס זאלען זיך מעלדען פערזענליך אדער שריפטליך צו מיס גלוק, אין 16 וועסט 21טע סט. אין אפיס פון לאקאל 25. די מיטגלידער פון דעם קלאס וועלען האבען א מיטינג דעם פרייטאג אוונט, דעם 29טען אקטאבער.

* * *

ארבייטער געשיכטע.

עס האט זיך שוין אנגעפאנגען די רעדזשיסטריישאן פאר דעם קלאס וואו עס וועט געלערנט ווערען די געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג. מר. סאפאס וועט אנפאנגען דעם קלאס גלייך נאכ'ן עלעקשאן.

* * *

די קלאסען אין ענגליש.

דער ווייסטמאכער יוניטי סענטער האט דריי זעהר גוטע לעהרער פאר די ענגלישע קלאסען. זאלען וואס מעהר מיטגלידער קומען זיך איינשרייבען און לערנען גרינגליך די שפראך פון לאנד. עס איז זיכער א סך שעהנער, פאר מיידלעך אזוי גוט ווי פאר מענער, צו ריידען און שרייבען ענגליש ריכטיג, איידער צו רידען און שרייבען מיט גרייזען. קומט זיך לערנען, עס וועט אייך שטארק צוניצקומען!

* * *

לעקטשורס איבער מוזיק.

גלייך נאך עלעקשאן וועלען זיך אנפאנגען די לעקטשורס איבער מוזיק, פון מר. עפשטיין. די וואס האבען בייגעוואוינט דיזע לעקטשורס, און אויך נייע, וואס זיינען פאראינטערעסירט אין מוזיק, זאלען זיך באלד איינשרייבען פאר דעם קלאס.

* * *

נאך מיטאג פארטיעס.

מיס גלוק, עדיוקיישאנאל סופערווייזאר פון לאקאל 25, האט אויסגעארבייט א פלאן פאר נאך-מיטאג-פארוויילונגען פאר די מיטגלידער פון לאקאל 25, וואס זיינען בלויז טיילווייז באשעפטיגט. נעמליך, עס זאלען ארגאניזירט ווערען טעאטער אדער קאנצערט פארטיס, אויספאהרען ערגעץ, באזוכען מוזעאומס א. אז. וו. דאס קאן זיכער געטאן ווערען איין נאכמיטאג א וואך, וואו מען זאל קאנען גוט פארברענגען אין אן אייגענעם קרייז. די מיטגלידער צו וועמען דאס אפעלירט, זאלען זיך ווענדען צו מיס גלוק אין אפיס פון לאקאל 25, 16 וועסט 21טע סט.

* * *

טיקעטס פאר קאנצערטען צו ביליגע פרייזען.

אין אפיס פון לאקאל 25 קאנען די מיטגליעדער פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס באקומען טיקעטס פאר רידוצירטע פרייזען צו די פאלגענדע קאנצערטען:

די זונטאג אוונט קאנצערטען אין לעקסינגטאן טעאטער.

פאר'ן ריסייטעל דעם 17טען נאוועמבער אין קארנעגיע האל, פון דעם בארימטען פידעל-שפילער, מר. אלבערט [illegible] שאפ, וועלכער איז גוט באקאנט צו פילע מיטגלידער פון דער יוניאן. לעצטען שבת אוונט האט ער געשפילט גאנץ פריי אין אונזער יוניטי סענטער צו דעם ערעפענונגס קאנצערט.

א חוץ דעם קאן מען אויך באקומען טיקעטס פאר רעדוצירטע פרייזען פאר די 10 זונטאג קאנצערטען פון דעם נייעשאנאל סימפאני ארקעסטער, אין קארנעגיע האל און אויך פאר די קאנצערטען וואס וועלען קירצליך געגעבען ווערען אין מעדיסאן סקווער גארדען אונטער'ן אויפזיכט פון דרושוליוס האפ.

* * *

טיקעטס פאר'ן אידישען קונסט טעאטער.

ארראנזשמענטס זיינען געמאכט געווארען מיט'ן מענעדזשער פון אידישען קונסט טעאטער, מר. סעמועל שאר, דאס אונזערע מיטגלידער פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס זאלען באקומען טיקעטס צו רעדוצירטע פרייזען. דער בארימטער קינסטלער, רודאלף שילדקרויט, שפילט דארט איצט אין שלום אש'ס מייסטערווערק, „גאט פון נקמה" און אין נאך אנדערע ליטעראריש פיעסען. קומט אין אפיס פון לאקאל 25, 16 וועסט 21טע סט., אדער אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, וועט איהר באקומען אזא קארד, וואס וועט אייך בארעכטיגען צו באקומען אין באקס אפיס פון דעם דערמאנטען טעאטער, טיקעטס צו רעדוצירטע פרייזען. דער קונסט-טעאטער געפינט זיך אויפ'ן קארנער מעדיסאן עוו. און 27טען סט., אין מעדיסאן סקווער גארדען.

* * *

אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט אין קליוולאנד.

ווי ברודער פערלשטיין לאזט אונז וויסען, ווערט אין קליוולאנד איצט אנגעפיהרט אן עדיוקיישאנאל באוועגונג, כמעט אויפ'ן זעלבען מאסשטאב ווי אין ניו יארק. דער דזשאינט באארד פון אונזערע לאקאלס אין קליוולאנד האט געגרינדעט אן ארבייטער אוניווערזיטעט און די ארבייט געהט דארט צו גאנץ לעבעדיג.

דעם מאנטאג אוונט, דעם 25טען אקטאבער, איז דארט געפייערט געווארען די ערעפענונג פון ארבייטער אוניווערזיטעט מיט א שעהנעם קאנצערט און גייסטרייכען מאס-מיטינג. דער קאנצערט איז געווען אונטער דער לייטונג פון ניקאלאי סאקאלאף. אין דעם מאס-מיטינג האבען זיך באטייליגט אזעלכע באריהמטע פערזענליכקייטען ווי פראפ. סקאט נירינג, מאקס העיס, רעדאקטאר פון „קליוולאנד סיטיזען" און דזשאן איווענס, סעקרעטער פון דער קליוולאנד'ער פעדערייש'אן אוו לייבאר. דער מיטינג איז אויך אדרעסירט געווארען פון מיס הערייעט סילווערמאן, עדיוקיישאנאל דירעקטאר און מ. פערלשטיין, וועלכער איז די טרייבענדע קראפט פון דער גאנצער טעטיגקייט.

די קלאסען אין דעם קליוולאנד אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט עפענען זיך דעם 1טען נאוועמבער, אין די העדקוואדערס פון דער יוניאן, 124 ס. וואלנאט עוועניו. עס וועט דארט געלערנט ווערען:

1. ענגליש, אין אלע גראדען.
2. עקאנאמיקס. דאס שליסט שוין אויך איין א קורס איבער דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג.
3. וועגען געזונדהייטס פראגען. עס ווערט אויך געגעבען א באזונדער קלאס איבער „סעקס היגיענע", בלויז פאר פרויען.
4. ליטעראטור און דראמא.

א חוץ דעם וועלען געגעבען ווערען ספעציעלע לעקטשורס מיט געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען, און אויך גימנאסטיק און טענץ.

ווי איהר זעהט, פארנעהמט זיך קליוולאנד צו געהן אויף דעם געביט אין די זעלבע פוס-טריט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט אין ניו יארק. מיר ווינשען זיי גליק אין דער ארבייט. מיר האפען אז דאס זעלבע וועלען אויך טאן נאך אנדערע שטעדט אויף דער פראווינץ.

קלאוקמאכער יוניאן איז אויף דער וואך.

(שלוס פון זייט 1).

דאס וואס קאן קומען. זיי ווייסען אויך, אז זיי האבען א מעכטיגע יוניאן, וועלכע האט זיי שוין ניט איין מאל באשיצט, ווען די בעלי בתים האבען געמאכט איבער זיי אן איבערפאל, און זיי ווייסען שוין פון ערפאהרונג, אז זיי האבען זיך אויף וועמען צו פערלאזען!

אט דאס, וואס מיר האבען דא געזאגט, האט יעדער איינער געקאנט ארויסטראגען פון דעם איינדרוק וואס עס האט געמאכט דער מיטינג פון שאפ-טשערליים פון די פראטעקטיוו שעפער, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען מיטוואך אוונט אין דעם „בראדוויי סענטראל האטעל". איבער פינף הונדערט טשערליים זיינען דארט געווען פארזאמעלט און דער מיטינג איז באזעלט געווען מיט'ן גרעסטען ענטוזיאזם. עס איז דארט ניט געווען צו מערקען קיין סמן פון שרעק פאר עפעס, וואס עס זאל ניט פאסירען. די שאפ-טשערליים זיינען די פארטרעטער פון יוניאן אין שאפ און זיי האבען אויסגעדריקט דעם סענטימענט וואס הערשט ביי די מאסען אין דעם איצטיגען צוזאמענשטויס פון דער אסס'ן מיט דער יוניאן.

ברודער ווארשאווסקי, איינער פון די ביזנעס איידזשענטס פון „פראטעקטיוו דיוויזשאן", איז געווען דער טשערמאן פון דעם זעהר אינטערעסאנטען און לעבעדיגען מיטינג. א חוץ איהם האבען דעם מיטינג אדרעסירט בלויז צוויי רעדנער, ישראל פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד און דזש. רובין, דער מענעדזשער פון „פראטעקטיוו דיוויזשאן". ווייטער האבען גערעדט די טשערליים אליין און עס איז ווירקליך געווען אנגענעהם צו הערען ווי שעהן און הארציג זיי האבען גערעדט, און ווי גוט און ריכטיג זיי פארשטעהען די לאגע. און זיי האבען פארזיכערט, דאס די גרויסע מאסען ארבייטער פון די שעפער, וועמען זיי, די טשערליים, פארטרעטען, פארשטעהען די לאגע פונקט אזוי גוט, און — ווי מאנכע פון די טשערליים האבען זיך אויסגעדריקט — „אויב די בעלי בתים וועלען אונז דוקא צווינגען צו א קאמף, וועלען זיי באקומען אזא פייט, וואס זיי וועלען שוין אזוי גיך ניט פארגעסען!"

אלעס איז, אלזא, גוט און פיין. פון דעסטוועגען דענקט אבער די יוניאן, דאס עס וועט ניט שאדען, אט וועגען דער לאגע, זיך דורכצוריידען פנים אל פנים מיט אלע ארבייטער פון די „פראטעקטיוו" שעפער, און פאר דעם צוועק ווערט די וואך איינגערופען שאפ-מיטינגען. יעדער אוונט ווערט איינגערופען א שאפ-מיטינג פון די ארבייטער פון עטליכע פראטעק. שעפער, ביז מען וועט זיך האבען מיט אלעמען דורכגערעדט. די מיטינגען וועלען געהאלטען ווערען אין דער פיפלס הויז, אין דער 15טער סט. דיזע מיטינגען זיינען א מין סארט אינדירעקטע „מאביליזאציע" אום גרייט צו זיין, ווי א זאך זאל זיך ניט מאכען.

לויט די רעפארטען פון די שעפער, איז דערווייל קיינע עקסטרא טראבעלס ניטא. מאמער אבער, וועט זיך עפעס יא מאכען, וועט די יוניאן דאס גלייך אויפנעהמען און האנדלען לויט די אומשטענדען נאך, די יוניאן וועט געוויס גאר ניט אוועקקוקען און גאר ניט נאכלאזען. די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די שעפער וועלען פארטיידיגט ווערען פונקט ווי פריהער און קיין מאנופעקטשורער וועט ניט קאנען אפלעקען א ביינדעל דורך דעם, וואס די אסס'ן האט אפגעשטעלט די מאשינעריע. יע מאשינעריע צי ניט מאשינעריע, — די קלאוקס באסעס וועלען די ארבייטער צו דער אמאליגער שקלאפעריי צוריק נישט ברייננגען! אויב די באסעס וועלען דוקא וועלען האבען קריעג וועלען זיי-דאס האבען. די יוניאן איז, אלזא, גאנץ אויף דער וואך.

דער סטרייק פון די לידיס טיילארס אין באסטאן געסעטעלט

דער סטרייק פון דער לידיס טיילארס יוניאן, אין באסטאן, האט זיך געענדיגט מיט א זיעג פאר די ארבייטער, און אלע סטרייקער, א חוץ די ארבייטער פון דער פירמע גנאסקי, זיינען שוין צוריק ביי דער ארבייט. ביי דער איינציגער דערמאנטער פירמע ווערט דער סטרייק פארטגעזעצט, ביז דער באס וועט נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון זיינע ארבייטער, ווי דאס האבען געטאן די אנדערע באסעס אין דעם טרייד.

די סטרייקערס האבען באקומען א העכערונג אין שכירות ווי פאלגט:

אלע ארבייטער, וואס האבען בעפאר באקומען 48 דאלאר א וואך און ווייניגער, באקומען א העכערונג פון פיער דאלאר א וואך. די ארבייטער, וואס האבען באקומען מעהר פון 48 דאלאר, באקומען א העכערונג פון צוויי דאלאר א וואך.

די ארבייטער באקומען אויך פיער געזעצליכע יום-טובים און „טיים ענד א העף" פאר אווערטיים.

ברודער אב. סניידער, דער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער אין באסטאן, האט דיזע נייעס אונז געלאזען וויסען דורך א טעלעגראמע. ער וועט מסתמא אונז צושיקען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם סטרייק און דעם סעטלמענט אין א קאנפערענץ.